STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04453

GOLDENE FARNAKHTN

Riva Yonish

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ריווע יאָניש

●

גאָלדענע פֿאַרנאַכטן

צונויפגעזאַמלט און געבראַכט

צום דרוק:

הערשל יאָניש

ריווע יאָניש

גאָלדענע פאַרנאַכטן

לידער

פאַרלאַג „פריַינד פון יידיש־בוך"
תל־אביב ✶ 1990 ✶ תש"ן

Riva Yonish

Golden Twilights

©

נדפס בישראל תש"ן
Printed in Israel, 1990

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

געווידמעט דעם ליכטיקן
אָנדענק פון מײַן מאַמע
ריווע יאַניש



בענקשאַפט

♦

...און ווען מײַן נשמה פֿאַרבענקט נאָך דײַן ליבע
און צאַנקט שטיל פֿון הייסן באַגער...
דאַן קוקן פֿאַראומערט די אויגן, די טריבע,
און ס׳קײַקלט אַראָפּ זיך אַ טרער.

עס גיסן זיך טרערן פֿון לויטערע קוואַלן,
זיי פֿליסן... און קומען צוריק;
און ס׳שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי ליכטיקע שטראַלן
פֿון אַלטן, אַמאָליקן גליק...

עס לײַכטן מיר אויפֿעט אַמאָליקע צײַטן,
די גליקלעכע שעהען אין וואַלד!...
איצט קלינגט דאָס מיר בלויז ווי אַן עכאָ פֿון ווײַטן,
וואָס וויגט זיך אין לופֿטן און שאַלט.

27סטן דעצעמבער 1928

◆

ווער זינגט עס דאָרט אויף יענעם ברעג,
וואָס רוישט דאָס וואַסער אום?
וואָס שאָקלען זיך אויף יענעם וועג
דיביימער אַזוי פרום?

עס גיסן זיך די קלאַנגען שטיל,
עס זינגט, עס קלינגט און לאַכט!
און שטערן שמייכלען אַזוי פיל
מיט העלן צויבערפּראַכט.

ס׳זילבערט זיך ביים הימלראַנד
לבנה מיט איר שיין
און וויקלט זיך אין וואָלקנבאַנד
און קוקט אין טייך אַריין...

עס גיסן זיך קלאַנגען אָן אויפהער
און שטילער ווערט ווידער און שטום...
עס שאָקלען זיך שטיל צו די ביימער,
דאָס דאַוונען זיי ערנסט און פרום.

27סטן דעצעמבער 1928

אַ טרוים

בײַ נאַכט קוקט אין מײַן פענצטער
אַ שטערנדל אַרײַן
און שפּרייט אויף מײַן געלעגער
אַ מילדן זילבערשײַן.

עס גיסן זיך די שטראַלן
און שוועבן ווי אין טרוים,
זיי שמייכלען זיס און ליבלער
און מורמלען עפּעס קוים.

זיי צערטלען מיך און קושן
אין שטילקייט פון דער נאַכט
און האָבן מיר אַ חלום,
אַ זיסן טרוים געבראַכט:

אָט שטייט פאַר מיר מײַן ליבער
און קוקט מיך ליבלער אָן,
ער בעט שטיל מיט די אויגן
און ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

איך קוק אים אָן און שמייכל
און שטרעק אויס מײַנע הענט,
אַ קוש קלינגט אין דעם צימער,
עס הערן נאָר די ווענט.

דער שטערן טוט אַ פינקל
און אַלץ פאַרשווונדן ווערט,
צו ריידן מיט מײַן ליבן
איז מיר שוין ניט באַשערט.

ריווע יאַניש

איך כאַפּ זיך אויף פון טרוימען:
וואָס איז מיט מיר געשען?
צי איז דאָס נאָר אַ חלום,
אַ זיסער טרוים געווען?

27סטן דעצעמבער 1928

צו אַ שטערנדל

אויפן הימל שטענדיק זע איך
פינקלט, ציטערט שטיל אַ שטערן,
און עס דאַכט מיר, ער רעדט ווערטער,
אָבער איך קען אים ניט הערן.

ווײַל מײַן שטערנדל איז ווײַט דאָרט
אין די הימלען אַזש פאַרפלויגן,
קען איך צו אים גאָרניט זאָגן,
נאָר שטום בעטן מיט די אויגן:

...זאָג מיר, שטערנדל, דו ליבער,
וואָס זשע פינקלסטו און ציטערסט?
איז דײַן האַרץ, אַזוי ווי מײַנע,
פול מיט ווייטיק און פאַרביטערט?

האָסטו אויך געפילן ריינע,
ווי דער אומשולדיקער מאָרגן,
נאָר דו שווײַגסט און קענסט ניט ריידן,
טיף אין האַרצן האַלטסט פאַרבאָרגן?

ס׳שווײַגט דער שטערן, נאָר ער שמייכלט,
צערטלט מיך, ווי זײַנס אַ קינד,
און דערנאָך ער טוט אַ פינקל,
טוט אַ פינקל און פאַרשווינדט...

שטום באַטראַכט איך דאָרטן אויבן,
אויפן הימל, ס׳ליידיק אָרט;
...שטערן, שכנים, אפשר ווייסט איר
וואָס געווען זײַן לעצטער וואָרט?

שווײַגן שטערן, קאַלט זײ לײַכטן,
קומט אָן פּלוצעם גאָר אַ ווינט
און פאַרוויקלט אַלע שטערן,
און מײַן האָפענונג צערינט...

לאַנג בין איך אַזוי געשטאַנען
פאַרגאַפט און צוגעשמידט צום אָרט,
ניט פאַרשטאַנען וואָס געוועז איז
פּלוצלינג אויפן הימל דאָרט.

איז שוין אַלץ פאַר מיר פאַרלאָרן ?
מײַנע וועגן שטרענג פאַרשטעלט ?
וועט שוין מער פאַר מיר ניט לײַכטן
אָט דער הימלישער געצעלט ?

וואָס זשע שווײַגסטו, שטערן ליבער,
און דו שמייכלסט דאָרט פון אויבן ?
ווערסטו ברענגען מיר אַ טרייסטוואָרט,
זאָל איך אין דײַן שווײַגן גלויבן ?

האָסטו אויך, ווי איך, אַ ליבן
ערגעץ ווײַט, אין ווײַטע הימלען,
און דו וואַנדערסט, זוכסט אים דאָרטן
צווישן שטערן, וועלכע דרימלען ?

ס׳שווײַגט דער שטערן, נאָר ער ציטערט,
פינקלט מיט זײַן מילדן שײַן,
און די שטראַלן שוועבן, דרינגען
אין מײַן האַרצן טיף אַרײַן...

כ׳פאַל צו ערד אין נאַסע גראָזן,
שטיל מיט טרערן און געבעט,
פול מיט פרייד פון גליק און ליבע
און איך הער מײַן קול, עס רעדט:

שיק מיר, שטערנדל, אַ טרייסטוואָרט
פאַר די אויגן מײַנע טריבע,
פאַר מײַן אָנגעווייטיקט האַרץ,
וואָס בענקט און גאַרט נאָך ליבע!...

2טן פעברואַר 1929

אַן האָפענונג

איך ווייס ניט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען
צו מיר אַזאַ בענקשאַפט און טרויער,
איך ווייס ניט פון וואַנען עס איז מיר געקומען
דאָס לעבן, דער שטענדיקער גרויער.

ווי איינזאַם און אומעטיק איז מיר דאָס לעבן,
קיין ליכטיקער שטראַל דרינגט אַרײַן!
צי קען מען צו שענערס און בעסערס נאָך שטרעבן,
ווען פאַרשטעלט איז די ליכטיקע שײַן?!

שאַ, עס הייבט שוין אָן צו טאָגן,
בלויקייט גיסט זיך אויס, אַ קוואַל,
און פון הינטער ביימער דאָרטן,
רײַסט זיך דורך אַ זונענשטראַל.

ס׳גייט דער טאָג, ווי נײַ געבוירן,
פון זײַן רו און פון זײַן שלאָף.
...מענטש, פאַרלאָז דײַן מרה־שחורה,
אויף אַ בעסערן גורל האָף!!

2טן פעברואַר 1929

זײַט געזעגנט!

איך פֿאַרלאָז דיך, מײַן שטעטל,
איך פֿאַרלאָז דיך, מײַן ליב הויז,
וווּ געשטאַנען איז מײַן בעטל
דאָ בײַ דיר אין ווייכן שויס.

כ׳וואָלט אײַך קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזן,
נאָר דער גורל האָט באַשטימט;
...ווינטן, ליבע, הערט אויף בלאָזן
איידער נאָך אַ טרער עס רינט...

איך פֿאַרלאָז אײַך, שטילע פֿעלדער,
בלומען, זאַנגען... גאָלד צו גלײַך,
איך פֿאַרלאָז אײַך, וועלדער,
אויך דיך, דו ברייטער טײַך,

וווּ געזעסן בין איך שטענדיק
דאָ לעם דיר, בײַם פֿײַכטן ברעג...
שוין, עס איז שוין אַלץ פֿאַרענדיקט...
כ׳וועל בענקען שטאַרק נאָך יענעם וועג!...

2טן פֿעברואַר 1929

ריוועֿ יאָניש

ווי ליב איז מיר...

ווי ליב איז מיר געוועןֿ אַ מאָל
צווישן בערג דער גרינער טאָל,
וואָס צו דעם ניעמאָןֿ ווײַט זיך ציט
און אין דעם ווײַסן זאַמד וואָס גליט...

ווי דאָרשטיק זײַנען מײַנע בליקן,
ווען כ׳זוך אַ נאָכט זיך צום דערקוויקן,
דאָס אָרט... עס איז דאָך נאָך פֿאַראַן,
האָט שוין ניט דעם כּישוף פֿון דאַן...

ווי ליכטיק האָט די זון געשײַנט,
ווי אָרעם זי באַלײַכט דעם הײַנט!
אָ, צוקונפֿט, אויב דו ביסט אַזוי,
איז איידער נאָך דו קומסט... פֿאַרגיי!

בטן פעברואַר 1929

נאַכט אין שטעטל

די נאַכט האָט פאַרוויגט שוין דאָס שטעטל,
עס הערט זיך דער אָטעם קוים, קוים.
עס שמייכלט און ס'קומט מיר אַנטקעגן
אַ חלום, אַ זיס־ליבער טרוים...

אַלץ ליגט אין אַ חלום פאַרזונקען,
פאַרכּישופט מיט אָטעם פון נאַכט,
עס חלומען, טרוימען די וועלדער
און רויִק דער טײַך ליגט פאַרטראַכט...

נאָר אָפּט מאָל ער טוט זיך אַ טרייסל,
ס'באַוויַיזט זיך אַ וויַיסלעכער שוים;
עס וועקן זיך וואַסערן גלאַטע
און גלעטן און קושן דעם זוים.

און שטיל ווערט צוריק, ווי געוועזן,
עס הערט זיך פון קיינעם קיין קלאַנג,
נאָר ערגעץ, פון וואַלד דאָרט, אַ פויגל
לאָזט הערן זיַין ליבלעך געזאַנג...

אין אָוונט, ווען אַלץ ווערט פאַרזונקען אין טרוימען,
די נאַכט אירע וווּנדערס טוט שפּינען;
נאָר מער ניט אין פינצטערן לאָך פון דעם קוימען
דער ווינט טוט קיין אָרט ניט געפינען...

דאָן ליג איך פאַרייִאושט, אין שוויַיגן פאַרזונקען
און טראַכט פון די שווערפולע זאָרגן.
ווען וועלן אַ מאָל שוין צעפלאַמען די פונקען
און אויפליַיכטן וועט שוין מיַין מאָרגן?

2טן פעברואַר 1929

ריווע יאַניש

מײַן שטעטל

עס ציט מיך צו דיר איצט, מײַן טײַער שטעטל,
מײַן אַלטע, אַמאָליקע ליבלעכע היים;
דו וואַכסט בײַ מיר לעבעדיק אויף אין זכּרון,
נאָר דאָך עפּעס אַנדערש, און עפּעס געהיים.

ווי לעבעדיק שטייען די הײַזלעך אין שורות
און קוקן מיך אָן מיט אַ ליבלעכן בליק,
און שטום זיי דערציילן מיר וווּנדער און סודות
פון אַלטן, אַ מאָל געוועזענעם גליק...

אָט זע איך דעם פּלאַץ, וווּ מײַן הויז איז געשטאַנען,
פּיל שטיינער מיט אײַזנס, צעבראָכענעם גלאָז.
און ליגט אַזוי רויִק דער פּלאַץ און פאַרלאָזן,
באַוואַקסן מיט ווילדן און שטעכיקן גראָז.

אָט שלענגלט זיך רויִק דער וועג צווישן פעלדער...
מײַן זיסער, אַמאָליקער, טײַער שפּאַציר!
וווּ גיין פלעג איך שטענדיק אָט דאָ ביזן ניעמאַן,
ווי בענק איך דאָ איצטער, דאָ איצטער נאָך דיר!

ס'שווימען פאַר מיר אויף די קינדערשע יאָרן,
זיי זײַנען פאַרגאַנגען געוואָרן שוין לאַנג!
אָט ערשט, דאַכט זיך, בין איך דאָ נאָך געוועזן?
ווי טוט עס מיר וויי און ווי טוט עס מיר באַנג...

און דאָ אין דער פרעמד, בײַ דעם רויש פון מאַשינען
הילכט אָפּ אין מײַן האַרץ שטיל פאַרבאָרגן אַ קלאַנג,
אַ קלאַנג פון מײַן אַלטן אַמאָליקן היימפּלאַץ,
און שטיל פון דער ווײַטן איך הער זײַן געזאַנג...

2טן פעברואַר 1929

♦

כ׳בין ווידער, מײַן שטעטל, געקומען צו דיר,
פֿאַרנעם דאָך מײַן טרויעריק געזאַנג,
אין שטאָט בין איך עלנט און איינזאַם, אַ שרעק,
און פֿרעמד איז מיר יעטווידער קלאַנג.

קאַלט איז דער אײַזן און שווער דריקט דער שטיין,
דער טראָט איז ניט זיכער געשטעלט,
איז דריי איך זיך אַרום אַזוי איינע אַליין
און כ׳פֿיל: עפּעס פֿעלט, עפּעס פֿעלט...

איך קום צו דיר ווידער, מײַן ליבינקע שטעטל,
אַ מידע פֿאַל איך אין דײַן שויס,
אָ, גיב מיר צוריק מײַנע קינדערשע טרוימען,
מײַן קינדערשע וועלט וועב מיר אויס...

פֿאַרשטיי מיך ניט, שטעטל, דײַן קינד פֿון דײַן האַרצן,
הער אויס נאָר מײַן שטילן געבעט
און זאָג ניט די זעלביקע רייד וואָס צו אַלע:
עס איז שוין צו שפּעט, שוין צו שפּעט...

עס גיסן זיך טרערן פֿון לויטערע קוואַלן,
מײַן דמיון פֿירט ווײַט מיר צוריק!
ער שפּיגלט זיך אָפּ אין די ליכטיקע שטראַלן
פֿון אַלטן, אַמאָליקן גליק.

ריווע יאַניש

ווי אַ בלום

ווי אַ בלום בין איך געלעגן אויף דײַן זײַט,
געוואַרט, געזוכט כ'האָב דיך,
כ'האָב ליבע אין מײַן בעכער אָנגעגרייט,
נאָר ניט געקומען ביסטו נאָך צו מיר...

געבויגן האָב איך זיך פאַר דײַנע טריט
האָפערדיק און שטיל
און ס'האָט מײַן בליק געבעטן און גערופן,
נאָר ניט פאַרנומען האָסטו מײַן געבעט.

קומט דען ניט דער שמעטערלינג צו יעדער בלום?
איז דען מײַן הויט ניט צאַרט?
איך בענק נאָך דיר, מײַן שמעטערלינג, אַ קוש;
איך בענק נאָך דיר, איך וואַרט.

ביז איין מאָל איז דײַן בליק אַ ליכטיקער געפאַלן,
געצונדן פונקען אין מײַן ברוסט,
און איך... ווי זון האָב אָנגעהויבן שטראַלן:
איך האָב געוווּסט, איך האָב געוווּסט.

2טן אויגוסט 1930

♦

אָט צעשמייכלט זיך דײַן פּנים,
ווי די זון אין הימלרוים,
ביסט דו ליב דאָן ווי דער פרילינג,
ביסט דו שיין דאָן ווי אַ טרוים.

נאָר גאַנץ אָפט ווען כּעס פאַרקלעמט דיך,
און פון צאָרן ווערסט דו בלאַס,
ביסט דו פינצטער, ווי סוף חודש,
ביסט דו עקלהאַפט, ווי האַס.

ווי דער ים, ווען ער איז רויִק,
גלעט און לאַשטשעט אונדז זײַן שוים,
ווערט ער אָבער בייז און גרויזאַם,
שלינגט אונדז אײַן זײַן שוואַרצער תּהום.

וטן אַפּריל 1933

ריווע יאַניש

אין פּאַרק

זעסט, עס לאָקן אונדז די בלומען
און דער גרינער פרילינג רופט.
לאָמיר גיין אין פּאַרק שפּאַצירן,
לאָמיר שעפּן פרישע לופט.

דאָרט, אין מיטן פון אַ בעקן,
שלאָגט און פּלאָפּלט אַ פאָנטאַן,
ס'בלישטשען פישלעך, גאָלד און זילבער,
מאַיעסטעטיש שווימט דער שוואַן.

שטראַלן זוניקע זיך ברעכן
אין דעם רוישנדן קרישטאָל,
און אַ רעגן־בויגן מיניעט,
זיבן פאַרבן מיט אַ מאָל.

קינדער גליקלעך, ווי דער פרילינג,
לויפן, לאַכן אויפן קול,
וואַרפן יאָדרעס צו די טויבן
און צו וועווערקעס אָן צאָל.

וטן אַפּריל 1933

♦

זאָג מיר, זאָג מיר, צי דו ליבסט מיך,
צי דו ליבסט מיך טאַקע ניט;
זאָג וואָס רעגט זיך און באַוועגט זיך
טיף, גאָר טיף אין דײַן געמיט...

ווען איך קוק אין דײַנע אויגן,
ווען עס רעדט צו מיר דײַן בליק,
וועקט זיך האָפענונג אין מײַן בוזעם,
אַז ס'פאַרווירקלעכט זיך מײַן גליק...

אָבער הער איך דײַנע ווערטער,
און איך הער פון שפּאָט דײַן קול,
שטאַרבט אַוועק אין מיר די האָפענונג,
שטאַרבט אַוועק אויף אַלע מאָל.

וטן אַפּריל 1933

◆

כ׳האָב פּאָר פּרי פּאַרלאָזט דאָס צימער
און געלאָזט זיך אָן אַ צוועק,
פון דער שטאָט אַרויס, צו שפּאַנען
אין דעם זאָמד פון קרומען וועג.

גרין די בלעטער, ברוין די קאָרע,
בלומען... רויט און ווײַס און געל,
גאָלד די זון און בלוי דער הימל:
כ׳האָב געאָטעמט. ס׳איז אַ צויבערלער געמעל.

ס׳האָבן מיך באַגריסט די סאָסנעס,
שלאַנק און שטאָלץ, מיט גרינע קעפּ,
ס׳האָט באַגעגנט מיך אַ ווערבע,
נידעריק הענגען אירע צעפּ.

און דער אַלטער דעמב איז ברוגז,
מעשה יוסטער באַלעבאָס,
האָט געטשוכעט זיך פון ווינטער
מיט דעם ערשטן פרילינגבלאָז.

און אַ קליינער, גרויער פויגל,
זעענדיק אַז איך קום אָן,
האָט צעזונגען זיך מיט שימחה
אויפן דראָט פון טעלעפאָן.

צוגעזעצט זיך בײַ אַ גראָבן,
אויף די גראָזן האַרט בײַם וועג,
זיך געוווּנדערט ווי דאָס לעבן
ווימלט דאָרטן אָן אַ ברעג.

כ׳האָב געדברט זיך מיט זשוקעס,
און מיט ווערעם פּלערליי,
נאָכגעפּאָלגט ווי אַ מוראַשקע
האָט געשלעפּט אַ פּיצל שטרוי.

און באַמערקט האָב איך אַ הײַזל
אויפן ראַנד פון האָריזאָנט,
און ס׳איז שווער געווען צו טרעפן,
איז עס ווײַט, צי איז עס נאָענט?

כ׳האָב געאָטעמט פולע לונגען,
קילע, מילדע, בשׂמים־לופט,
און געפילט זיך ווי פאַרשיכּורט
פון דעם שאַרפן קנאָספּנדופט.

קען איך לענגער דאָ ניט בלײַבן,
ציט עס מיך צו יענעם אָרט,
זען וואָס איז דאָ פאַר אַ יישוב,
זען וואָס מענטשן טוען דאָרט.

3טן אַפּריל 1933

ריווע יאַניש

דאָס נעגערמיידל און די ווײַסע רויז

אין אַ נעגערגאַס בײַ אַ חורבה־הויז
בליט, ווי בלאַנקער שניי, אַ פרילינגרויז.

מיט אַ זאָרגלאָז ליד, מיט אַ נעגערדזשאַז,
קומט אַ מיידל אָן מיט דעם זאַמד פון גאַס.

אין דעם שוואַרצן גוף יעדער אָבער טאַנצט,
הייסע אַפריקע אין די בליקן גלאַנצט:

אירע ציינער ווײַס, אירע ליפּן דיק,
שמייכלען לײַכטזיניק, פול מיט יונגן גליק.

שוואַרצער סאַמעט זעט קלאָרן בלומענשניי:
לײַדנשאַפטלעכער רײַסט זיך דזשאַזגעשריי.

פליקט זי צאַרטן קווייט פון דעם דערנערקוסט,
דריקט זי איידל זײַד צו איר שטײַפער ברוסט.

איצטער שוואַרצער נאָך גלאַנצן בריסטן צוויי
און נאָך ווײַסער בלענדט פרילינגס רויזנשניי.

וטן אַפּריל 1933

שטיל

רוישלאָז גייט אַ פּישערשיפל
און זײַן זעגל פלאַטערט שטיל,
וואָלקנס בלײַענע און גרויע
טראָגן זיך, ווי אָן אַ ציל.

ס׳חלומט שווער דער וואַלד, דער שוואַרצער,
ס׳שווײַגט צום דערפּעלע דער שטעג,
מער ניט דריבנע כוואַליעס פּליעסקען
מרה־שחורהדיק בײַם ברעג.

קעגן הימל צוויי געשטאַלטן
טונקלען סודותדיק און באַנג:
זייער קאָנטור ווי אַ ציפּרעס,
טרויעריק גרין און פײַנלער שלאַנק.

ווי פון יעדער ווינט דעם קאַלטן,
מאַכט זיך צו אַ בעכערבלום,
ס׳איז אַזוי איר מויל געשלאָסן
מיט אַ ווייטיק שטאַר און שטום.

צער און אַנגסטן אין די בליקן,
פון די ליפּן — ניט אַ קלאַנג,
ניט אַ וואָרט און ניט אַ זילבע
צו באַפרײַען זיך פון דראַנג.

17טן אַפּריל 1933

ריווע יאַניש

אַ גליקלעכער טאָג

לײַכט זײַנען אין דער פרי די טריט,
אין האַרצן האָפענונג זוניק בליט,
ס'פאַרשטאַרקט זיך גלויבן אין געמיט
און ס'בלוט, צעגליט, צום אויפטו בריט.

געווידמעט פליכטן און באַרוף,
אין מי בײַ טאָג זיך שפּאַנט דער גוף,
און גײַסט באַהערשט פון צוקונפטרוף,
צו וויזיעס... וועלטן שטײַגט אַרוף.

קומט מערב רויט מיט זונפאַרגאַנג,
פאַרגעסן ווערט פון טאָג דער צוואַנג:
אין קרײַז פון פרײַנד דעם שטונדנגאַנג
געניסן מיר מיט ליבעדראַנג.

ס'איז מיטן נאַכט אַדורך דער שטאָט,
נאָר זעלטן הילכט אַ מידער טראָט,
און שווײַגיק שיקט אונדז שלאָפס געבאָט
אין פּישוף־לאַנד פון טרוים־געגנאָד.

וטן אַפּריל 1933

לעבן

ס׳איז גוט אַזוי צו זיצן אין דער שטיל,
פאַרנעמענדיק דעם אָטעם פון דער וועלט;
דו פילסט ווי לעבן קלאַפּט אויס יעדע שעה,
פונקט ווי אַ זייגער זײַנע שעהען ציילט.

און זיצסטו אין דעם שויס פון מאַמע ערד
מיט קאָפּ געטוליעט צו איר פולער ברוסט,
טאָ זײַ צופרידן וואָס דיר איז באַשערט
צו זײַן איר קינד און זויגן פון איר ברוסט.

אָ, מאַמע ערד, דו ביסט מיר טײַער,
ניט איין מאָל האָב איך אין דײַן שויס פאַרבראַכט,
פאַר דיר האָב איך פאַרטרויט מײַן פרייד און טרויער,
ניט איין מאָל האָט דערגרייכט צו דיר מײַן צער...

און איצטער בין איך, עלנט קינד דײַנס,
געקומען זויגן ווידער פון דײַן ברוסט,
זיך אָנזאַפּן מיט זיכערקייט און לעבן
און טרינקען מיט דײַן אָטעם פון לעבן אין גענוס...

נעם מיך צו, מײַן ליבע, טרײַע מאַמע,
איך, אַ זינדיקע, שטרעק אויס די הענט צו דיר,
כ׳בין מיד פון מענטשן און פון זייער לעבן,
ווײַל איך איצט פאַרברענגען נאָר מיט דיר...

הײַלענד מילס, ניו־יאָרק, 6טער יולי 1933

ריווע יאַניש

דייַן מאַמע

געווידמעט חיימען

איך זע זי קלאָר, ווי איך וואָלט זי געקענט,
דייַן מאַמע, מיט אירע ווייכע, צאַרטע הענט,
וואָס פלעגן גלעטן דיך און וויגן
זינגענדיק אַ טרויעריקן ניגון,
ווי מאַמעס זינגען אָפט בייַ וויגן...

אַוודאי האָסטו ליב געהאַט צו קוקן אויף די הענט,
ווען לייַכטע שאָטנס האָבן שטיל געקושט די ווענט,
און שבת־ליכט, געצונדן פון דייַן מאַמען, האָבן העל געברענט,
און ליפּן האָבן שעפּטשענדיק געבעטן אין דער שטיל
אַ תּפילה פאַרן מאַן און קינד, געבעטן מיט געפיל...

...איר, מאַמעס צאַרטע הענט! ווי זיס איז אייַער גלעט!
ווען מאַמע וואַכט פאַרזאָרגט איבער דייַן בעט,
און נעמט אַוועק דייַן ווייטיק און דייַן פּייַן...
איך הער איר קול, ווי זי וואָלט דאָ גערעדט:
...מייַן קינד, מייַן זון, ווער וועט דיך צערטלען דאָ, ווען איך וועל שוין ניט זייַן?

און אָט דעם מאַמעדיקן רוף האָב איך פאַרנומען
און בין צו דיר מיט אים געקומען,
אַנטבלויזט די מיידלש־שעמעוודיקע בריסט און:
...איך, מייַן קינד, וועל צערטלען דיך און גלעטן... „איך, מייַן זון!"

ניו־יאָרק, 16טן אָקטאָבער 1933

איך האָב דיך דערקענט

אין שאָטן פון ליכט האָב איך דיך דערקענט,
דער שאָטן געקראָכן איז דאָן אויף די ווענט,
באַהאַלטן דייַן פּנים... דאָס ליכט האָט געברענט,
ווען איך האָב דיך דעמאָלט דערקענט...

אין ציטער פון פלאָם האָב איך דיך דערפילט
און אויגן האָבן שטום אין אַ שפּיל זיך געשפּילט,
און אַ טרוים אַזאַ זיסער האָט מיך דאָן פאַרהילט,
ווען איך האָב דייַן אָטעם און ציטער דערפילט.

אין קלאַפּן פון האַרץ האָב איך דיך דערהערט
און ס'האָט מיר דאָס קלאַפּן מייַן רו מיר געשטערט.
מייַן האַרץ האָט געפלאַטערט, די אויגן געטרערט,
ווען איך האָב דייַן קלאַפּן פון האַרצן דערהערט.

ניו-יאָרק, 28סטן אָקטאָבער 1933

◆

אויסגעצייַטיקט שטייט אַ זאַנג
מיט קערנער שפּראָצנדיקע, האַרט,
באַוואַקסן מיט אַ גאָלדן זוים
און וואַרט אויף זילבערסערפּן־קלאַנג,
אויף הענט, וואָס טוליען מילד און צאַרט
און חלומען אַ ווײַטן שיינעם טרוים...
ווי אַ זאַנג שטיי איך, אַ צײַטיקע אין פעלד,
פון גאָלד און זון באַהאַלט,
מיט זוימען פיל באַהאַלטן אין מײַן שויס
און ליבע פון מײַן האַרצן שטראָמט אַרויס,
מיט בריסטן שפּראָצנדיקע, שטײַף און האַרט,
וואָס לעכצן נאָך אַ גלעט, אַ צאַרטס...
שטיי איך, אַ זאַנג אַ צײַטיקע, און וואַרט
אויף זילבערקושן־קלאַנג און טרוים
און תּאווהדיק די ליפּן שעפּטשען קוים:
קום, באַשערטער מײַנער, שנײַד
דעם טרוים פון דײַנע טעג, די פרייד.

ניו־יאָרק, 7טן נאָוועמבער 1933

צו דער 15טער יאָרצײַט פון שלום

די שעה האָט פון שלום געקלונגען,
די עלפטע... די גליקלעכע שעה!
ווערן לידער פון פרײַהייט געזונגען...
איז שלום באמת שוין דאָ?...

איך זע נאָך דעם בלאַנק פון די שווערדן,
איך הער נאָך דעם קלאַנג פון מעטאַל,
עס קומען אַלץ צו נײַע העלדן
און גיסן מיט גיפטיקער גאַל...

און אַלץ איז אַזוי ווי געוועזן,
ווי מיט יאָרן מיט פופצן צוריק,
מען שאַרפט אין דער שטיל נאָך די שפּיזן,
אַלץ ענגער פאַרציט מען די שטריק...

איך זע פרישן בלוט גאַנצע טײַכן,
איך פיל ווי געשטאַרקט איז די נויט;
און היטלער טוט לאַכנדיק קײַכן
פון די וואָס ער שינדט זיי די הויט...

צי איז עס אַ וואָר אָדער חלום?
צי איז עס געווען שוין לאַנג?
עס דאַכט זיך, געווען איז דאָך שלום!
פאַר וואָס טוט דאָס האַרץ אַזוי באַנג?

איך זע זיי, די קברים, אין אייביקער רו,
די מתים צעזייטע אין לאַנד.
און ס'קומען די קברים אַלץ נײַע נאָך צו,
געגראָבן פון אײַזערנער האַנט.

נאָך ווײנען די מאַמעס נאָך זייערע זין,
און ווײַבער... נאָך פאַרלוירענעם גליק:
אַזוי טויט די וועלט איר צײַט שפּינען,
ווי מיט יאָרן, מיט פּופּצן צוריק...

ניו־יאָרק, 11טן און 12טן נאָוועמבער 1933

מייַנע לידער

איך האָב זייער ליב, די לידער מייַנע,
ווי אַ מאַמע ליבט איר קינד.
טראָג איך זיך אין הימלען רייִנע,
ווי אויף פליגלען פון דעם ווינט.

בוי איך זיך אַ זונגעצעלטל
פון געזאַנגען, ליכט און קלאַנג,
וווין איך אין מייַן אייגן וועלטל
און איך זינג מיר מייַן געזאַנג...

לאָז איך טויבן ווייַסע פליִען
מיט אַ בריוועלע צו דיר,
אונטער קלאָרע הימלען ציִען
צו דעם שעפער פון מייַן שיר...

...פליט, איר טויבן, צו מייַן שעפער,
צו דעם שעפער פון מייַן ליד,
ער האָט אייַך באַזאָרגט, באַפרוכפערט,
איך האָב נאָר אייַך אויסגעבריט...

ניו־יאָרק, 12טן נאָוועמבער 1933

ריווע יאַניש

מייַן אומשולד

אין אַ ווינקל פון מייַן צימער
וויינט מייַן אומשולד, ווי אַ קינד:
אירע שטאָלצע, ווייַסע פליגלען
האָט צעבראָכן איצט דער ווינט.

קען זי מער שוין הויך ניט פליִען,
האָט פאַרלאָרן שטאָלץ און מוט;
איינזאַם איז זי און עס טריפן
פון איר האַרצן טראָפּנס בלוט...

וואַרט זי אויף איר אויסדערוויילטן,
אויף זייַן ליבע, אויף זייַן וואָרט;
ער וועט קומען ווי אַ וויכער
און אַוועקפירן זי דאָרט.

אין די הימלען בלויע, הויכע,
ווי אויף פליגלען פון דעם ווינט,
וועט זי ווערן אויסגעלייַטערט
און צוריק אַ ריינער קינד...

וועלן פליגלען ווערן ווייַסער
און נשמה פול מיט ברען.
מוט און שטאָלץ צוריקבאַקומען
און אַ וווּנדער וועט געשען!

נאָר דערווייַל אין ווינקל־צימער
וויינט מייַן אומשולד, ווי אַ קינד...
ניט געקומען איר באַשערטער,
וויינט און קלאָגט אויף אירע זינד...

ניו־יאָרק, 12טן נאָוועמבער 1933

אומעט

עס האָט מיך געפאַנגען אַן אומעט
וואָס ווייעט פון די האַרבסטיקע פעלדער,
וואָס שטייען באַרויבטע, פאַריתומט,
באַוויינטע פון ווינטן אין וועלדער...

עס האָט מיך געפאַנגען אַ טרויער
פון האַרבסטיקע בלעטער פאַרגעלטע,
פון פינצטערע נעכט אָן לבנה,
און איינזאַמע שטערן געציילטע.

עס האָט מיך געפאַנגען אַ ווייטיק
באַלאָדן מיט צער און מיט וויי...
דער צער פון דער וועלט און פון מענטשן...
דער פינצטערער גורל פון זיי...

און ס׳האָט אין מיר זיך צעשטורעמט
מײַן אומרו, געוועקט מיך פון שלאָף;
אַ ליכט האָט געצונדן דער מיזרח:
איך גלייב אין מײַן זון און איך האָף!...

ניו־יאָרק, 12טן נאָוועמבער 1933

ריווע יאַניש

טרוימען

זילבערנע וואָלקנדלעך שוועבן אין רוים,
קומט שטיל צו פליִען אויף פליגלען אַ טרוים:

זע איך די פינקלענדע שטערן אין הימל,
קומט מײַן געליבטער צו מיר אין מײַן דרימל.

ימען... צוויי אייגעלעך, טיפע און בלוי,
גלאַנצן און לײַכטן ווי פינקלענדער טוי.

שוואַרץ ווי די נאַכט די געכוואַליעטע האָר,
...איז עס אַ חלום, צי טאַקע די וואָר?...

ליפּעלעך... פײַער, און בליקן... באַפעלן:
מײַן האַרץ זאָגט מיר אונטער ...איך וועל אים געפעלן.

טרוים איך אַזוי פון מײַן ליבן אין דרימל,
פון פינקלענדע שטערן, וואָס פאַלן פון הימל,

פון זילבערנע וואָלקנס, וואָס שוועבן אין רוים,
וואָס טראָגן מיר אונטער אויף פליגלען אַ טרוים...

ניו־יאָרק, 12טן נאָוועמבער 1933

גרויקייט

גרויען די הימלען,
גרויט אויך די ערד,
כוואַליעט די גרויקייט
אין רוים אומגעשטערט.

גרויען די טעג
און עס גרויען די יאָרן,
פלעמלען און צאַנקען
און ווערן פאַרלאָרן.

וויינען די שעהען
וואָס זיי איז באַשערט
געבוירן צו ווערן...
פון גרויקייט פאַרצערט...

רײַסט זיך פון ערגעץ
אַ שטראַל שוואַך אַרויס,
צינדט אָן דעם הימל
און לעשט זיך באַלד אויס.

קריכט אום די גרויקייט
און דריקט שווער און שטום
און זוכט אין דער פינצטערניש
שטענדיק אַרום.

ניו־יאָרק, 6טן דעצעמבער 1933

ריווע יאַניש

עמעץ אין גרויען...

אויף שליאַכן און וועגן,
פון נעפּלען באַהאַלטן,
שפּרייַזט עמעץ אין גרויען
אין דרויסן, אין קאַלטן.

און שלעפּט ער זיך ערגעץ
צו אַ הייַזל דאָרט ווו,
אַנטרינט באַלד די פרייד,
פאַרשווינדט אויך די רו.

באַלד נעמען די שויבן
צעשראָקענע קלאַפּן
און הענט אין דער פינצטער
טוען בלינד טאַפּן.

הייבט אָן אין קוימען
צו וויינען דער ווינט,
כאַפּט זיך צעשראָקן
פון שלאָף אויף אַ קינד.

ס'קייַקלען זיך טראָפּנס,
עס גיסט שטיל אַ רעגן
און ס'ווערן פאַרטרונקען
די וועגן און שטעגן.

זיצן אין ווינקל
די שרעק און די נויט,
וואַרטן זיי ביידע
אויף הונגער און טויט...

ניו־יאָרק, 9טן דעצעמבער 1933

פון דיר צו מיר

אין דײַנע בריוו צו מיר
מײַגלעקלעך קלינגען,
פרילינג שמעקט פון דיר,
פייגלען הער איך זינגען.

ציט זיך אַ געזאַנג... אַ ליד
פון דער נאָענט און ווײַט,
בענקט דאָס יונגע הערצל, ציט,
און דאָס בלוט מײַנס שרײַט...

קומען נײַע בריוו מיר אָן
מיט אַנדערע געזאַנגען:
ס'איז מײַן ליבער ווי אַ פויגל
אין אַ שטײַג געפאַנגען.

וויל איך עפענען דאָס שטײַגל,
קען איך ניט דערלאַנגען,
ווער איך ווי אַ פויגל אויך
אין אַ שטײַג געפאַנגען.

הער איך מער ניט פייגלען זינגען,
פרילינג איז פאַרגאַנגען,
הער איך מער ניט גלעקלעך קלינגען,
ניטאָ מער קיין געזאַנגען.

ניו־יאָרק, 10טן דעצעמבער 1933

ריווע יאַניש

דער ערשטער קוש

דו האָסט מיך דער ערשטער געקושט...
האָבן פלאַמען באַלד פאַרווישט
די מורא פון מײַן האַרצן,
און דער ציטער פון מײַן לוסט
האָט באַלויכטן העל דעם שוואַרצן
טרויער אין מײַן ברוסט...

דו האָסט מיך דער ערשטער געליבט...
האָבן פלאַמען באַלד געצונדן
ליכטער אין מײַן האַרצן,
און דער ציטער פון מײַן לוסט
האָט פאַריאָגט דעם שוואַרצן
טרויער פון מײַן ברוסט...

ניו־יאָרק, 10טן דעצעמבער 1933

אין דײַן שויס

איך האָב מײַן קאָפּ געלייגט
אין דײַן ייִנגלשן שויס,
געלויכטן האָבן דײַנע אויגן
אין דער פֿינצטער גרויס...

עס האָט אַ שוואַכער שטראַל
געצאַנקט אין בלאַסן שימער,
און אומעטיקער טרויער
האָט אָנגעפּילט דעם צימער...

איך האָב געזען דעם טרויער,
וואָס ווייעט פֿון דײַנע אויגן,
און ס'האָט דער טיפֿער טרויער
צו דיר מיך מער געצויגן...

עס ציט מיך צו דײַן פֿײַער,
ווי ס'ציט אַ פֿליג צום ליכט,
איך שפּיל, ווי זי, אין פֿאַרבן,
ווען ס'טרויערט דײַן געזיכט...

אַ פֿײַנלעכער געפֿיל האָט טיף
געריסן מיר דאָס האַרץ,
אַ וואָלקן האָט מײַן זון פֿאַרשטעלט...
מײַן הימל איז איצט שוואַרץ...

ניו־יאָרק, 10טן דעצעמבער 1933

ריווע יאַניש

ווײַסע פרייד

געווידמעט דעם ערשטן שניי

אַ ווײַסע פרייד, אַ ליכטיקע,
האָט באַשטראַלט די וועלט,
עס האָבן מחנות פלאַטערלעך
געשפּרייט אַ ווײַס געצעלט.

שטיפן זיי, די פריידיקע,
און לאַכנדיק זיי רוימען
סודות פון אַ ווײַסע פרייד,
פון זיסע יוגנט־טרוימען...

שטיף איך אויך מיט זיי אַרום,
לאָז מיך פון זיי קושן,
און זאָג זיי אָן, למען־השם,
מײַן ליבער זאָל ניט וויסן...

שמייכלען זיי, און קושנדיק
ווערן זיי צעגאַנגען
און צינדן אָן מײַן מיידלש לײַב
מיט טויזנטער פאַרלאַנגען...

נידערט ווײַסע פרייד אַראָפּ
פון די ווײַסע הימלען,
קושנדיק זיי וויגן אײַן
די וועלט אין זיסע דרימלען...

ניו־יאָרק, 11טן דעצעמבער 1933

גאָלדענע פאַרנאַכטן

בלויע הימלפּאַסן,
רויטע מערב־ברעגן,
גאָלדענע פאַרנאַכטן
אויף צעזייטע וועגן...

פון די ווײַטע ווײַטן
אויף צעזייטע שטעגן,
קומט די רו צו שפּרײַזן
און וויגט אײַן די וועגן.

צינדן אָן זיך שטערן
איינציקווײַז אין הימל...
און אַ זיסער ניגון
וויגט זיי אײַן אין דרימל...

אין די ווײַטע ווײַטן,
צווישן פורפורפלאַמען,
ליגן ערד און הימל,
שלאָפן דאָרט צוזאַמען.

דרימלען בוים און גראָזן,
פאַרכּישופטע זיי וועבן
גאָלדענע פאַרנאַכטן
אויף צעזייטע וועגן...

ניו־יאָרק, 18טן נאָוועמבער 1933

אין גאָרטן פון מײַן האַרצן

אין גאָרטן פון מײַן האַרצן
אַ בײַדל שטייט פון רו,
אין בײַדל וואַכט אַ שומר,
דער שומר... דאָס ביסטו.

און האַרציקע ניגונים
מיט ציטערדיקן קלאַנג
טראָגן זיך פון בײַדל —
הימלישער געזאַנג...

אין גאָרטן פון מײַן האַרצן
דער שומר וואַרט און וואַרט...
קומען זאָל זײַן ליבסטע
און זאָגן שטיל און צאַרט:

...אַ, ליבסטער, אויסדערוויילטער,
מײַן בלימעלע פון שרון,
שפּיל מיר אויס אַ ניגון
אויף דײַן שומר־האָרן;

זינג מיר דײַנע לידער,
שפּיל מיר אויס אַ ניגון,
און דער גאָרטן זאָל מיך
ליוליעדיק פאַרוויגן...

שפּיל זשע, מײַן געליבטער,
אויף סטרונעס פֿון מײַן האַרץ,
דו זעסט, דער גאָרטן בליט שוין
און ס'שפּראָצן קנאָספּן צאַרט.

און איך מיט דיר צוזאַמען,
פֿון זון באַהעלט, באַשײַנט,
שפּרײַזן אום אין גאָרטן
באַגעגענען דעם הײַנט...

ניו־יאָרק, 16טן פֿעברואַר 1934

ריווע יאַניש

אַ טאָג פאַרגייט...

שווער קרעכצנדיק דער טאָג פאַרגייט
אין כאָרכלענדיקע גסיסה־קלאַנגען,
פון קלויסטערגלאָקן אומעט ווייַ'ט
אין רויִקן געבעט, אין הייליקע געזאַנגען.

שוועבט טרויעריק אַ שטראַל אַרום אין לופט
ציטערדיק מיט צווייפל און געבעט,
ס'דאַכט זיך, ווער פון וויַיטן וועמען רופט,
נאָר שוין צו שפּעט, צו שפּעט...

פליט אַ פלאַטערל דערשעפּט און מיד
און פאַלט אַן מאַכט אין אָוונט־שימער;
אין לופטן גוססט נאָך זיַין לעצטע ליד
און פילט מיט אומעט אַן מיַין צימער...

ציט זיך אַן אומעט פון גלאָקן און ציט
האַרבסטיק, פאַרוואָלקט און פאַרטרויערט,
וויינט עמעץ דאָרט אין דער פינצטערניש מיט,
הויערט מיט זיפצן און הויערט...

זע איך ווי טאָג איז פאַרגאַנגען אין שטאַרבן
מיט אַ טויט אַזאַ שיכּור־רויטן...
באַצירט מיט בונטע האַבסטיקע פאַרבן
איז דער קבר מיט כּלערליי קווייטן...

נאַנסי, 15טן סעפּטעמבער 1934

בילדער פון מײַן שטעטל

בילדער פון מײַן שטעטל,
בילדער פון מײַן היים,
האַלטן מיך געבונדן
ערגעץ אין געהיים.

זע איך, כ׳בין געפאַנגען
און איך בין פאַרלאָרן,
פון מײַנע פאַרלאַנגען,
פון די קינדער־יאָרן.

מוז איך מיט מײַן ווילן
שטילן די פאַרלאַנגען:
און די בילדער קלײַבן,
ווי אַ שניטער זאַנגען.

קלײַבן עס און בינדן
איינס אין איינס צוזאַמען,
און געבן אַ מתּנה
מײַן ליבער, גוטער מאַמען.

אין אומעטיקע שעהען, אין טונקעלע פאַרנאַכטן,
ווען אַ מאָל דריקט אין האַרצן אַזוי שווער...
האַלט איך פון דיר, מײַן שטעטל, אין איין טראַכטן,
און בענקענדיק מײַן אויג פאַרגיסט אַ טרער.

און ווידער בין איך, מײַן שטעטל, געקומען צו דיר...

12טן אויגוסט, 1935

◆

פאַרן שַמָש

ווען איך צינד די ליכטלעך אָן די אַכט,
טוט פאַרשווינדן באַלד די נאַכט.

בילדער שוין פאַרגעסענע, לאַנג פאַרגאַנגען,
טראָגן זיך אַרום מיט הערלעכע געזאַנגען.

ברענען ליכטלעך קלאָרע, ליכטיקע און ריינע
און דערציילן אונדז מעשׂהלעך גאָר שיינע.

סאַוואַנאַ, 20סטן נאָוועמבער 1935

אייביקייט

אַ ליד ווערט געבוירן, אַ ליד טוט פאַרגיין
פון טרוימען און פריידן אין שטילן געוויין,
ווי טענער פון פידל וואָס ציטערן קוים
און ווערן צעגאַנגען אין אייביקן רוים.

אַ ליד ווערט געבוירן, אַ זון טוט אויפגיין
פון הימלישער ריינקייט... און צויבערדיק שיין,
ווי טרוים און ווי וווּנדער באַשאַפן, וואָס גליט
און שוועבט אין די רוימען מיט ליכטיקע טריט.

אַ ליד טוט פאַרגיין... אַ נאַכט ווערט געבוירן
אין וויסטן געראַנגל, און גלייביק פאַרלוירן,
ווי טונקעלע פליגן וואָס פאַכען אַרום
און זוכן אין פינצטערניש ווען אַרום.

סאַוואַנאַ, 21סטן סעפטעמבער 1936

ריווע יאַניש

וואָס חנוכּה־ליכטלעך דערציילן...

פאַר די ליכטלעך

לאַנג, שוין לאַנג איז דאָס געווען,
ווען דער נס איז דאָן געשען.

ס׳האָבן שפּיז און שווערד געקריגט,
דאָך דער גלויבן האָט געזיגט.

האָבן ברידער העלדיש זיך געווערט
און דעם שׂונאס לאַגער באַלד צעשטערט.

בראַווע חשמונאים־ברידער, מוטיק און געטריי
האָבן אַרויסגעפירט דאָס פאָלק צוריק אויף פריי.

איז דער טעמפּל דאָן געוואָרן גלייך באַנייט,
ווייל דאָס פאָלק איז שוין געווען באַפרייט.

האָט אַ פייער דאָן אַכט טעג נאָך אַנאַנד
העל געברענט, דערציילט פון שׂונאס שאַנד.

ברענען ליכטלעך לעבעדיק און קלאָר,
דערמאָנען יענע נסים אויף דער וואָר.

סאַוואַנאַ, 28סטן נאָוועמבער 1935

◆

דו זאָגסט מיר, מײַן פֿרײַנד, דאָס לעבן איז שיין,
איך האָב עס געזען און איך ווייס עס אַליין,
נאָר אָפּט מאָל אַ וואָלקן דײַן הימל מאַכט שוואַרץ
און פֿרעסט דײַן געמיט, און דריקט דיר דײַן האַרץ.

דו זאָגסט מיר, מײַן פֿרײַנד, דאָס לעבן איז זיס,
איך האָב עס פֿאַרזוכט און איך ווייס אויף געוויס,
נאָר אָפּט מאָל אַ דאָרן באַגעגנסט אין וועג
און ס'בלײַבן פֿאַרבלוטיקט דײַנע אָרעמע טעג.

דו זאָגסט מיר, מײַן פֿרײַנד, דאָס לעבן איז גוט,
איך קען עס ניט זאָגן, איך האָב ניט קיין מוט,
ווי זון מיטן שאָטן אין אייביקער שפּיל,
אַזוי ווערט מײַן לעבן פֿאַרצערט אין דער שטיל.

סאַוואַנאַ, 28סטן סעפּטעמבער 1936

ריווע יאַניש

איך בין ניט אַליין

אין שווערע מינוטן פון שטילן געוויין
זע איך זיך עלנט און איינע אַליין.

אַליין צווישן הימל, אַליין אויף דער ערד,
פון שטילע באַגערן באַרויבט און פאַרצערט.

נאָר אָפט מאָל אַ שטערן צו מיר ווינקט אַראָפּ
און שמייכלט פון אויבן און גלעט מיר דעם קאָפּ.

נאָר אָפטער אַ ליד, ווען מײַן פען גיט אַרויס,
און זוניקע פרייד מײַן פוסטקייט פילט אויס.

ניין, כ׳בין ניט אַליין, דאָס לעבן ז׳מיט מיר,
און ווילסטו זײַן ווײַט, ...קען איך לעבן אָן דיר.

סאַוואַנאַ, 5טן אָקטאָבער 1936

יוגנט־טרוימען

יוגנט־טרוימען, בלוילעכער באַגינען,
סודותדיקע קילקייט אָן אַ ברעג,
מיידלשע לאַנגע וויִעס, פאַרחלומטע זיי שפּינען
גאָלדענע טרוימען פון זוניקע טעג...

יוגנט־טרוימען, נאַסער טוי אויף גראָזן,
ס'שלאָפט די בלום נאָך צניעותדיק פאַרמאַכט,
פאַסן בלויער הימל נעמען חנעוודיק זיך ראָזן,
ווי מיידלשער פּנים, איידל און צאַרט...

יוגנט־טרוימען, ראָזיקע פאַרנאַכטן,
טונקעלע הימלען דעקן צו דעם וועג,
מיידלשע אויגן אומעטיק טראַכטן
פון פאַרלאָרענע טרוימען, פון זוניקע טעג...

סאַוואַנאַ, 5טן אָקטאָבער 1936

◆

ס'האָט מיר מײַן טאַטע געזאָגט גאָר אַ מאָל,
גוט איז צו אויפשטיין באַגינען,
ווען דו אויף באַרג און אין טאָל
אַ ניגון אַ שיינעם געפינען.

זינג שטיל, גאָר שטיל,
אַז קיינער חוץ אונדז זאָל ניט הערן,
און זאָל אונדז פאַרוויגן
דער האַרציקער ניגון
ביז איַנדרימלען וועלן די שטערן.

איך האָב דאָן מײַן טאַטן דעם קלוגן געפאָלגט
און אויפגעשטאַנען בין איך באַגינען,
און האָב בײַ דעם קליינעם פויגלפאָלק
אַ ניגון, דעם שענסטן, געפונען.

♦

איך שטיי איצט בײַם ראַנד,
איך שטיי און איך וואַרט:
באַלד פֿאַלט צו די נאַכט
און שאָטנס מיט אומזעיִקע הענט
וועלן קריכן, פּויזען אויף די ווענט

און ווי אין שפּינוועבס וועל איך ווערן אײַנגעוויקלט.
אין פֿאַרנאַכטיקן בלוי די לבנה שוועבט
און באַשטראַלט מיך מיט זילבער, מיט גרוי,
און איך אַ באַשטראַלטע שווער און בלוי
פֿון דער נאַכט בײַ דײַן פֿענצטער רו.

◆

אַ קילער נעפּל גייט אויף פון נאַסע גראָזן
און פּערלדיקער טוי, ווי טרערן, טוען טראַכטן,
עס ציט אַ מידער זיך דער טאָג אין אומענדלעכע וויסטן
און ס׳שושקען אים אין אויער ווינטעלער און בלאָזן.

די זון גייט אויף שוין שפּעט און גייט איר מידן גאַנג,
ווי אַלץ וואָס איז געוועזן, איז דאָ, און וועט אויך זײַן,
און עפּעס וואָס געווען דאָ פעלט, — עס טוט דיר באַנג,
און קאַרגער ווערט די זון מיט איר ליכט און שײַן.

אַ פלאַטערל שוועבט קוים און שטעלט זיך אָפּ אויף בלום
דער לעצטער אין דעם קוסט, וואָס מען דערזעט עס קוים,
עס רופן מיך ניט שוין די בלעטלעך אירע: „קום״...
זיי וועלן שוין ניט שמייכלען מער מיט דאָרשט אין טרוים.

◆

האָט געפּלאַצט דער שלאָס, דער ריגל,
איז דאָס האַרץ געוואָרן פרײַ,
פרײַ פון אַלטן און פאַרהאַסטן
און צוריק אין נײַעם זיגל.

איצט איז זיגל לויז געוואָרן.
ס׳איז אַ שרײַפל דאָרטן קאַליע,
טריפן טראָפּנס בלוט אַרויס
יעדער רגע, יעדער ווײַלע.

ווער איך אויסגעריסן שטום,
ווי אַ בלימל אין דעם גאָרטן.
וואַלגער איך אין וועג אַרום,
האָב קיין דאָ און ניט קיין דאָרטן.

אָרעמע לידער מײַנע,
ווּ זענט איר פאַרלאָרן,
ווּ זענט איר פאַרפאַלן,
ווּ זענט איר געבאָרן ?

נאָך ניט אויסגעוואַרעמט
און ניט אויסגעטראָגן,
זענט איר זיך צעפלויגן
אָן אַ וואָרט צו זאָגן.

אָרעמע לידער מײַנע,
דורך נעכט אויך אויסגעווייטיקט,
און צו גלײַך מיט טאָג
אויך פריידיק אויסגעלײַטערט.

כ׳האָב אין אײַך באַהאַלטן
מײַן נשמה, פרייד,
פרייד געמישט מיט טרויער,
טרויער, ווײ און פּײַן.

אָרעמע לידער מײַנע,
וואַנדערנדע פייגל,
קערט זיך אום צוריק
צו אײַער אַלטן נעסט.

ר׳שטייט אַן אויסגעוואָרעמט,
הערט איר ווי ער רופט?
קומט, מײַן האַרץ איז אָפן
און מײַן נשמה רופט!

קום, מײַן קינד

איך וויל דיך טוליען אין די אָרעמס מײַנע,
וועסט פֿאַרגעסן אָן דײַן ציגעלע דײַן ווײַסע,
צוזאַמען מיט אַלע דײַנע שוועסטער, ברידער,
ווערסטו דאָ אָנוואַרעמען דײַנע גלידער.

ריווע יאַניש

דאָס לעצטע ליד

אויף האַרבסטיקע וועגן, דורך פעלדער און וועלדער
שטייען די ביימער שוין מיד,
באַצירטע אין בונטע קאָלירן און פאַרבן
און בלעטער וואָס פלאַטערן קוים פאַרן שטאַרבן

זינגען נאָך פאַלנדיק דאָס לעצטע ליד.
איך שפּאַן אַ באַרוישטע אין פריִען פרימאָרגן,
מײַן קאָפּ איז שוין גרוי, גערונצלט מײַן הויט,
אַ טוי אַזאַ פערלדיקע קילט מײַנע טריט.

עס בענקט זיך...

הימלען שווערע, בלײַענע,
גיסן שטיל מיט טרערן.
וויינט אַזוי די גאַנצע וועלט,
וויינט מיט שטילע טרערן.

בענקט זיך נאָר אַ ליכטיק שטראַל,
בענקט זיך נאָר אַ שמייכל,
ווילט זיך זען אַ גוטן פרײַנד
מיט אַ פריידיק שמייכל.

דריקט די איינזאַמקייט אַזוי
אויפן האַרצן שווערער
און די אויגן, אומעטיק,
נעמען טרערן, טרערן.

בענקט זיך נאָר אַ רויִק אָרט,
אַזאַ וואַרעמס, שטילעס,
ווו קיין אומעט איז ניטאָ,
וואָס זאָל דיך צעדריקן.

בענקט זיך נאָר אַ ווײַסע בעט,
ווײַס ווי שניי, נאָר וואַרעם,
פּונקט אַזאַ ווי אונדזער וויג
פון די קינדער־יאָרן.

און גלעטן זאָל דאָס בעטגעצײַג,
טוליען ווי אַ מאַמע,
און דרימלען זיסע, האַרציקע,
זאָלן מיך פאַרוויגן.

ריווע יאָניש

דאָס ווײַסע ציגעלע

אײַלע ליולע, ליולע ליו,
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף אין רו,
ס׳וועט מײַן ליד הײַנט אַנדערש קלינגען,
כ׳קען מער פריילעכעס ניט זינגען:
ס׳האָט אַ בייזער שטורעמווינט
אויסגעלאָשן ס׳ליכט פון טאָג,
ס׳איז גרויס דער קלאָג...
ס׳איז דײַן ווײַסע ציגעלע
פון אונטער דײַן וויגעלע,
וואָס פלעגט פאָרן האַנדלען
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען...
שוין אַוועק אין קריג!

אײַלע ליולע, ליולע ליו,
שלאָף, מײַן קינד,
ווי איז מיר און ווינד!
אַלע, אַלע, אַלט און יונג
זענען באַלד בײַם ערשטן קלונג
גלײַך אַוועק אין דער אַרמיי!
ווינד איז מיר און ווי!
איז דער טאַטע אויך אַוועק
זוכן ציגעלע אין וועג,
ברענגען זי צו דיר בשלום,
ברענגען דיר אַ זיסן חלום.

ליגט דאָס ציגעלע פאַרווונדעט שווער
פון רויטן בער
און פון וועלף, שאַקאַלן,
וואָס זענען איר באַפאַלן,

אונדזער ציגעלע, דאָס ווײַסע
פון דער שיינער קינדער־מעשׂה.
קעמפט דאָס ציגעלע אַליין
מיט נעגל און מיט ציין,
פאַרפלעקט מיט בלוט איר ווײַסע פעל,
דאָך די אויגן קוקן העל,
מיט מוט, עקשנות און בטחון
אויף דעם ענדגילטיקן נצחון!

איַילע ליולע, ליולע ליו,
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף אײַן,
ס'וועט נאָך אונדז גוט זײַן!
קומען וועט דאָס ציגעלע פון קריג,
ברענגען שלום, פרייד און גליק,
ס'וועלן מאַמעס ווידער זינגען
צו די קינדער אין די וויגן
פון די גרויסע זיגן
פון אונדזער ווײַסן ציגעלע
פון אונטער ישׂראליקלס וויגעלע.

ער

ער איז צו מיר געקומען
מיט שײַנענדיקע אויגן:
מיט אַ זיסן שמייכל,
הכנעהדיק געבויגן.

עפּעס האָט דערציילט ער,
אָט דער בליק, דער שטומער,
און דער זיסער שמייכל
האָט געבעטן: ליב מיך!

איז מײַן האַרץ פאַרשלאָסן
שוין געווען פון לאַנג,
און עס האָט געפרעגט זיך:
ביז ווי לאַנג, ווי לאַנג?

♦

רעדער רוישן, קלאַפּן, בראָזשען,
ס׳קרעכצט און וויגט זיך דער וואַגאָן,
ס׳לויפט דער צוג, נאָר שעהען קריכן
פּיינלעך, לאַנגזאַם, מאָנאָטאָן...

ס׳איז די שויב אַ שוואַרצער שפּיגל,
דרויסן נאַכט איז שוואַרצע טינט,
נאָר אַ מאָל בליצט אויף אַ שטעטל,
שניידט דאָס פינצטער און פאַרשווינדט.

ווי דער צוג, אַזוי דאָס לעבן,
טראַכט זיך, פליט דורך צייט און רוים.
ווען ניט ווען אַ בליאַסק פון האָפענונג,
זעלטן ווען דאָס גאָלד פון טרוים.

ענדלעך אָבער זיינען יאָרן
צו די שעהען פון וואַגאָן:
שלעפּן זיך פון וויג ביז קבר,
פּיינלעך, לאַנגזאַם, מאָנאָטאָן...

♦

ברענג מיך צו די פּיסלער שלאַנקע,
מיט אַ מאַרמאָרנער פיגור,
כ׳לאָז נאָך זיך די אַלטע, קראַנקע,
וואָס קרעכצן, סקריפּען ווי אַ פור.

און דו, עראָפּלאַן, פּלי שנעלער,
ברענג מיך אין דעם זונענלאַנד,
ווו די זון שײַנט ליכטיק, העלער
און גאָלדיק, זוניק איז דער זאַמד.

בײַם ברעג ים

בלויינקע כוואַליעס מיט זילבערנעם שוים,
קומט מיר צו שווימען אַ זיסינקער טרוים:
אַ הײַזל, אַ קליינס צווישן בערגלער און טאָל,
אַ מיידעלע שיין מיט אַ זינגענדיק קול.

זי זינגט ווי אַ פייגעלע, פון בלום צו בלום,
און צערטלט און קושט יעדער בלעטעלע אויס,
שוועבט דאָרט פאַרחלומט אין דעם אַרום
און וואַקסט צווישן בלומען אַ ליכטיקע רויז.

בלויינקע כוואַליעס, צעבראָכן אין שוים,
אַזוי ווערט צערונען מײַן מיידלשער טרוים,
דאָס הײַזל, דאָס קליינע, צווישן בערגלער און טאָל,
דאָס קליינינקע מיידעלע בין איך פון אַ מאָל.

מאַיאַמי, 2טן דעצעמבער 1974

ריווע יאַניש

אין שפּעטן זומער

ווי אַ רויז אין שפּעטן האַרבסט צעבליט,
וועקט זיך מײַן געמיט
מיט מיידלשע פאַרלאַנגען,
נאָר מײַנע האָר שוין גרוי,
די אויגן מער ניט בלוי.
און שטום אין האַרץ פאַרבאָרגן ליגן קלאַנגען.

עס קוקט די לבנה אַרײַן אין מײַן צימער
מיט סודותדיקן צויבער, מיט זילבערדיקן שימער
און וועקט מיך און רייצט מיך שטיפעריש פאַרשײַט,
איך הער ווי אַ שטימע פון ערגעץ ווו ווײַט,
אַן עכאָ פון האַלב־פאַרגעסענע געזאַנגען,
פון מיידלשע חלומות און פאַרלאַנגען...

ווי אַ רויז אין שפּעטן האַרבסט צעבליט,
וואָס לעבצט נאָך זון און טוי,
וואַכט אויף מײַן שווער געמיט
אין לבנה־שפּיל פון זילבער־גרוי.
איך שוועב מיט טאַנצנדיקע טריט
און ס'ווערט מיר פלוצלינג גוט אַזוי...

ניו־יאָרק, 6טן פעברואַר 1956

◆

באָבע מײַנע, בײַ די קלאַנגען פון כל־נדרי
האָט אַנטפּלעקט זיך דײַן געשטאַלט
און ס׳האָט דײַן פּנים פול מיט צער און ווײ
אין געבעט מיט געטלעכקייט געשטראַלט.

ריווע יאַניש

אין לאַנד פון די אָבות

אין דעם לאַנד פון די אָבות
און גיבורים פון היינט...
דער גראָז איז דאָ גרינער,
די זון וואַרעמער שיינט.

יעדער בוים, יעדער גרעזל
דורך שווייס און דורך מי,
איצט ווייס איך דעם טייטש שוין
פון „בדמייך חיי״.

דער הימל איז טיפער
און בלויער פון בלוי,
זילבערדיק, פערלדיק
איז דאָ דער טוי.

עס שטייען גיבורים,
מען גראָבט אויף די ערד...
אין איין האַנט די ביקס...
אין דער צווייטער די שווערד.

עס שטייען גיבורים,
מען האַמערט, מען שמידט
מיט בלוט און מיט שווייס
און אויף ליפּן... אַ ליד.

רחובות, 4טן אַפּריל 1962

מײַן אייניקל און איך

מײַנע האָר זײַנען שוין גרוי,
נאָר דײַנע אויגן לויטער בלוי,
קוקן אָן מיך, אַט אַזוי,
פול מיט וווּנדער און געבעט...
און איך הער דײַן קול, עס רעדט,
אַ צוויבערשפּראַך, נאָר איך פאַרשטיי,
און עס גיט אויף מיר אַ ווײ
יענע יאָרן פון אַ מאָל,
ווי איצט הער איך מײַן מאַמעס קול:
נעם אַרום מיך שטאַרקער, הייס,
קוש מײַן פּנים, נאָר ניט בײַס...
נעם איך דײַנע הענטלעך צאַרט
און גלעט מײַן פּנים מיט זיי ווייך,
נעמסטו מיך אַרום גאָר שטאַרק
און קושסט מײַן פּנים, מיד און בלייך.
ווער איך ייִנגער נאָך פון יונג,
טו אַ טאַנץ און טו אַ שפּרונג
און איך דריי מיך שוין אין ראָד
רונד אַרום און רונד אַרום
ביז מיר פאַלן ביידע אום.
ליגן מיר צוזאַמען, שטיל...
שוין געענדיקט איז די שפּיל,
גרויע האָר, צעפּאַטלט, קרום,
נאָר בלויע אויגן בעטן שטום:
נאָך אַ טאַנץ און נאָך אַ שפּרונג,
נאָך אַ האָפּקע און אַ זונג!
נאָר מײַנע פיס זײַנען שוין מיד
און האַלב פאַרגעסן איז מײַן ליד...

וטן יולי 1964

ריווע יאַניש

אַ ווינטערטאָג

אַ ווינטערדיקער טאָג, עס ליכטיקט בלוי דער הימל
און זון פֿאַרפּלייצט מיט גאָלד איעדע שויב;
עס שוועבן טויבן אום, אין הויך און אין דער נידער,
און וואָרקען פֿריילעכע און קלײַבן אויף דעם דרויב.

עס ווינטיקט קיל די לופֿט, עס שמעקט מיט פֿרישע מאַנדלען,
און קינדער, זאָרגלאָזע, זיך שפּילן דאָ אין פּאַרק,
עס שפּינט די זון, מיט כּישוף אַלץ אין גאָלד פֿאַרוואַנדלען,
און שטיפֿט אַרום מיט קינדער, קוועלט און לאַכט גאָר שטאַרק.

עס שטעלן וועווערקעס זיך אָפּ און בעטלען ניסלער,
און קינדערלער, פֿאַרגאַפֿטע, קוועלן אָן:
זיי דראַפּען זיך אַרויף מיט לאַנגע עק און פּיסלער,
און אָט זענען זיי שוין אויפֿן העכסטן בוים, אויבן־אָן.

עס זיצן אַ פּאָר אַלטיטשקע, אין גרויען, אײַנגעבויגן,
און שמייכלענדיק באַגלייטן זיי די קינדער אין דער שפּיל,
און עפּעס אַזוי סודותדיק... ווישן אָפּ די אויגן,
אַזאַ נאָגנדיקע בענקשאַפֿט טומלט אין זיי שטיל.

27סטן פֿעברואַר 1965

אין שעהען פון אומעט

ווי אין אַ שפּיגל

אין אַ טראָפּן פון דעם טוי
שפּיגלט זיך די גאַנצע וועלט...
רעגן־בויגן... רויט, גרין און בלוי,
צויבערן און ציטערן מיט זון באַהעלט.

אויך ביַי דיר, אין דיַינע טרערן־טראָפּנס
שפּיגלט זיך די וועלט מיט שרעק,
תהומען שוואַרצע לויערן צוקאָפּנס
און אומעטיק אַ סטרונע ציטערט אָן אַן עק...

מיניען זיך אין טראָפּן שרעק מיט רעגן־בויגן,
פּחד וואַרגט דעם שלום מיט ביינערדיקע הענט
און הוידעט זיך אויף וואָגשאָל אין טרער פון דיַינע אויגן,
און ציטערן מיט שפּיגלשיַין אויף פענצטער, טיר און ווענט.

ציטערן די סטרונעס און פינקלען טראָפּנס טרערן,
און שפּילן אַ סימפאָניע פון פאַרב און שטילן קלאַנג...
און ערגעץ ווו אַרום, אַן אויער וועט דערהערן
און איַינזאַפּן דעם עכאָ פון אומעטיק געזאַנג.

18טן יוני 1967

ריווע יאַניש

דו ביסט פון אונדז אַוועק

ביסט שטיל פון אונדז אַוועק
אַזוי ווי ביסט געקומען,
און אויף דעם לעצטן וועג
אויף אייביק זיך פאַרנומען.

וויינט שטום דאָס האַרץ אין אונדז,
ס׳איז איבעריק צו זאָגן,
דער ווייטיק טיף אָן אַ שיעור...
שווער אַריבערצוטראָגן.

ס׳איז שוין אַ יאָר אַוועק
אין צער און שטומען פּיַין,
מיר שטייען איַינגעבויגן
אין טרויער פאַר דיַין שטיין.

דער שטיין איז קאַלט און שטום,
שטייט ווי אַ שומר דאָ,
און ס׳שעפּטשען גרעזל, בלום...
ביסט אַוועק... ניטאָ... ניטאָ.

דאָך לויכט אין שטילן שימער,
אין דעם יאָרצייַטפלאַם,
ביַי דיַין בעט אין צימער,
דיַין בילד אין שוואַרצער ראַם.

ביסט שטיל פון אונדז אַוועק,
אָן אַ וואָרט צו זאָגן,
מיט ליבע וועלן מיר דײַן אָנדענק
אין אונדזערע הערצער טראָגן.

טאָ שלאָף אין רו, דו ליבע טויב,
צווישן גראָזן, בלומען,
זאָל דיר גרינג זײַן ערד און שטויב,
אויך מיר וועלן צו דיר קומען.

9טן סעפּטעמבער 1967

מודה־אַני

עס שרײַט אַראָפּ די שטילקייט
פון די ווײַסע ווענט,
גופים ליגן אויף די בעטן
מיט פאַרלייגטע הענט,
האַלב־פאַרמאַכטע אויגן
אין אַ שטילן דרימל.

שטילע, ווייכע טריט פאַרשלונגען ווערן
אין די לאַבירינטן פון די קאָרידאָרן,
די ווײַזערס קריכן לאַנגזאַם,
ווײַזן אָן די פאַרגליווערטע צײַט,
וואָס פאַרשלאָסן איז אין די פיר ווענט.

עס טויכט אויף אַ מיידלשע געשטאַלט אין ווײַסן,
מאַכט צו רעכט דאָס קישן,
שמייכלט, גיט אַ גלעט,
ווערט טאַקע בעסער, גרינגער.
זאָל כאָטש ניט זײַן צו שפּעט...

די קריאת־שמע פון מײַנע קינדער־יאָרן
קומט מיר אויפֿן זינען:
בידך אפקיד רוחי...
מײַן נשמה און מײַן לעבן
גיב איך דיר אין האַנט.
היט זי אָפּ און שיק זי מיר צוריק,

ווען נאַכט וועט אויסרינען
און אויסלעשן וועט זיך דער לעצטער שטערן,
וועל איך אין דער פרי דיר דאַנקען
מיט מײַן מודה־אַני...
שהחזרת בי נשמתי,
בחמלה רבה אמונתך...
פאַרנעם, דאָקטער, מײַן רוף.
קער אום צוריק מײַן נשמה
אין אַ געזונטן גוף.

ניו־יאָרק, מאַרץ 1983

ריווע יאַניש

אין שפּיטאָל

שעהען ציִען זיך ווי פּויזשענדיקע שלאַנגען.
צײַט האָט ניט קיין אָנהייב, ניט קיין סוף.
די בעט, מיט פאַרהאַנגען פאַרהאָנגען,
פאַרוויגט מיך אין אַ לײַכטן שלאָף.

דער דאָקטער קומט, לייגט צו אַן אויער,
טאַפּט דעם דופק און פאַרזאָגט מיר שטרענג:
רו, ניט צו פיל טראַכטן, איז וויכטיק, אומגעהײַער,
אויב איך האָב בדעה פּטור ווערן פון דער קרענק.

ער קלאַפּט אויס אַ „קאָנטשערטאָ״ מיט ביינערדיקע פינגער,
מײַן פּלייצע איז בײַ אים געוואָרן אַ קלאַוויר.
עס ווערט אַ ביסל בעסער, גרינגער,
ווען פילסט, אַז אימיץ זאָרגט פאַר דיר.

דער בלוטדרוק האַלט זיך אין איין וויגן
ווי אויף אַ הוידלקע: אַרויף, אַראָפּ.
די ציפערן זיי האַלטן זיך אין איין קריגן
און לעכערן מײַן קראַנקן קאָפּ.

מחשבות רויען זיך ווי שוואַרצע קראָען,
מאָנען בײַ מיר חשבון. לאָזן ניט צו רו,
זיי האַלטן מיך געפאַנגען גאַנצע שעהען,
שטערן מיר מײַן שלאָף, מײַן רו...

ניו־יאָרק, מאַרץ 1983

צו מײַנע הײמלאָזע ברידער

ברידער מײַנע, צעזייטע אויף די וועגן פון זבאָנשין,
ס׳האָט דער ווינט מיר אַ גרוס פון אײַך געבראַכט,
איר וואַלגערט זיך אַרום אָן צוועק און אָן אַ זין,
און ר׳זוכט און טאַפּט אַ וועג ווי בעטלערס אין דער נאַכט.

און ווו איר קומט וואַרפט מען אײַך אין פּנים אײַער חטא,
פאַרהאַקט בלײַבט טיר און טויער אונטער אײַער נאָז,
ס׳איז איבעריק די מי, אַרויסגעוואָרפן רייד...
פאַרוווּנדערט בלײַבט איר שטיין אין מיטן וועג... פאַר וואָס?

איך הער אײַער געוויין און ברומען פון דעם ווינט
און ס׳בריִען מיך די טרערן, דאָס טריפן פון דעם רעגן...
עס רײַסט נאָר אויף דאָס האַרץ אַ שלוכצן פון אַ קינד,
וואָס וואַלגערט זיך אַרום אַליין אויף פרעמדע וועגן.

איך זע די גרויסע אימה, וואָס שרײַט פון אײַערע אויגן,
און כ׳זע דעם שטאַרן בליק מיט פּחד און מיט שרעק,
דער מידער, קרומער רוקן אין דרײַען אײַנגעבויגן,
שפּאַנט איר, אַרויסגעטריבענע און הײמלאָזע אין וועג...

ברידער מײַנע, פאַרוואָגלטע פון הפקר־לאַנד,
איך האָב פאַרנומען אײַער פּײַנלעכן געשריי,
און כ׳שטרעק מיט ליבשאַפט אײַך מײַן ברידערלעכע האַנט
צו טרייסטן אײַך אין אײַער צער און וויי...

ברידער מײַנע, איר קדושים פון דער נײַער צײַט,
אַ בייזע האַנט האָט אײַך דערמאָנט דעם שטאַם,
די געלע לאַטע אויף דאָס נײַ באַנײַט
און ס׳האָט אַ שמעק געטאָן מיט עשאַפאָטן־פלאַם.

איר ציט נאָך זיך דעם בלוטיק־רויטן שנור,
פון יאָרן טויזנטער אין בלוט פאַרפלעקטע דורות,
און אויב פאַרמעקט די צײַט האָט זייער שפּור
דערמאָנט מען זיי אײַך הײַנט, אַמאָליקע עבירות...

איר ווערט באַגלייט פון רויך, פון רויטן פלאַמען־פײַער,
נאָך ברענט דער שײַטער־הויפן און גרייט איז עשאַפאָט,
און אַלץ וואָס איז אײַך ליב, און אַלץ וואָס איז אײַך טײַער
ווערט אויסגעלאַכט און אויסגעשטעלט צו שפּאָט.

איר קערט זיך אום און קוקט אײַך צו פון ווײַטן
און זעט ווי ביכער פון דער נײַער צײַט
ברענען, ווי די ספרים אין די אַלטע צײַטן,
און יעדער וואָרט מיט בראַנד און פײַער שרײַט...

עס שרײַט נאָך מיט אויך הבלס בלוט פון קבר
און קעמפּערס פון דעם הײַנט און קדושים פון אַ מאָל
לעבן אויף צוריק, געזונט אויף יעדן אבר,
ווי די ביינער טרוקענע אין דעם טויטנטאָל...

נעמען זיי זיך אָן מיט קראַפט און נײַעם לעבן,
אויגן ברענען: פײַער, פויסטן: האַרט פאַרדריקט,
גרייטן זיך צום שונא, דעם לעצטן קלאַפּ צו געבן,
נקמה פלאַקערט אויף, פון יאָרן לאַנג פאַרשטיקט.

נאָר ס'איז ניטאָ דער נביא, ער איז נאָך ניט געבאָרן,
וואָס זאָל דערוועקן הערצער און טרייסטן מיט זײַן וואָרט,
שטייט אַזוי אַ סטאַדע אָן אַ פּאַסטעך, ווי פאַרלאָרן,
שטייט אַזוי, פאַרגליווערט, און רירט זיך ניט פון אָרט...

אָ, ווו איז דער גרויסער דונער, וואָס זאָל דעם הימל שפּאַלטן
און גרויס זאָל זײַן דער קראַך, אַזש ציטערן זאָל ערד!
ווו איז די שטאַרקע האַנט, וואָס זאָל דעם פאַקל האַלטן,
באַלײַכטן אונדז דעם וועג, פון יאָרן לאַנג באַשווערט.

עקראָן, יאַנואַר 1939

איך קען מער ניט

איך קען מער ניט לאַכן
זינט דו ביסט אַוועק
דורך פײַער און רויך
דײַן לעצטן וועג.

איך קען מער ניט וויינען,
פאַרשלאָסן דער קוואַל,
דערשטיקט אין מײַן האַרצן
ס׳פּלאַצט שיער ניט די גאַל.

נאָר ווען עס קומט אַ שׂימחה,
ווי עס טרעפט אַ מאָל,
זע איך פאַר זיך די סצענע
אין תּחום פון יאָמערטאָל.

די שוואַרצע קראָ טוט קראַקען,
דריקט אויס מײַן צער און פּײַן,
אַזוי הײַנט ווי שטענדיק,
ווען איך וועל שוין ניט זײַן.

אַ קול פון מײַן היים
גייט אויף פון יאָמערטאָל —
ניט צו גאָט, נאָר צו מענטש און וועלט
איז געווענדט דאָס קול:

כּל־זמן דאָס אַש פון מײַנע ליבע
ברענט נאָך מײַנע טריט
און דאָס בלוט פון זקנים, קינדער
קאָכט נאָך און עס זידט.

♦

מײַן אַלטיטשקע מאַמע אין דרײַען געבויגן,
זיצט מיט רויט פאַרוויינטע אויגן,
דער קאָפּ פאַרוואָלקנט אומעטיק און גרוי,
און אויף דער ווײַסער ברעם אַ קילער טוי.

אַ בוים, אַזוי איינזאַם שטייט ער געבויגן,
צווײַגן אָן בלעטער, פייגל צעפלויגן,
מיט הענט פאַרלייגטע אין שויס,
ווי מידע פייגל נאָך אַ פלי פאַרויס.

אוי, קינדערלעך מײַנע, ווו זענט איר אַצינד ?
אײַער אַש האָט צעבלאָזן אַ גרויזאַמער ווינט.
די וועלט האָט אין פלאַמען געברענט אַזוי רויט
און איר האָט מיט אַלע מאַרשירט צו דעם טויט.

♦

אַט זע איך מײַן מאַמען, זי זיצט און זי שטריקט,
און שאָטנס משונה צעוויגט אויף דער וואַנט.
אויסגעלאָשן קאַלט איז שוין איר בליק
און שלאָפעריק, ציטעריק איז אָפּן איר האַנט.

די קינדער צעפלויגן, מיט גאַזן דערשטיקט,
זוכט אַרום ערגעץ, פאַרשטאַרט איר בליק,
ניטאָ מער די נעכט, צעבלאָזן די שטריי,
עס טוט אַזוי באַנג, עס טוט אַזוי וויי.

מײַן אַלטיטשקע מאַמע בייגט אַן דעם קאָפּ שווער,
און ס׳קאַפּעט אַראָפּ אין איר שויס הייס אַ טרער,
ווי אַן אומרו זי שאָקלט זיך הין און צוריק,
עס ציטערן ברעמען, און צער אין איר בליק.

◆

גיי, מײַן קינד, גיי,
גיי, מײַן קינד, גיי,
קוק ניט אויף צוריק,
זעסט די הויכע טרעפּ?
הייב אויף דײַן בליק!

דאָס קינד געשטאַנען איז פאַרקלערט,
איין פּיסל אויף די טרעפּ,
צוויי אייגעלעך פאַרמאַכט,
דאָס צווייטע פּיסל האָט זיך נאָכגעשלעפּט.

פון דאַן אַן איך קען ניט שלאָפן מער,
אויסגעטריקנט איז אין אויג מײַן טרער.

ס'האַלט דער אויוון אָפן נאָך
זײַן פּיסק שוין יאָרן
און איז נאָך אַלץ ניט זאַט געוואָרן.

גיי, מײַן קינד, חלומות אַנדערע האָב איך געפונען.
בײַ דײַן וויגעלע
מיטן קלאָר־ווײַסן ציגעלע,
וועל איך צום ערשטן מאָל אין חדר דיך שיקן,
און אַ מלאָך מיט אַ מטבע דיך באַגלייטן.
דאָס מעשהלע געבליבן שטום,
דאָס ציגעלע אַנטרונען,
נאָר די חיה לויערט אומעטום.

ריווע יאַניש

יום־כּיפּור־ליכט

ווען איך צינד אָן די יום־כּיפּור־ליכט
און קוק אין שטילן, צאַרטן פֿײַער
און זע דעם דינעם רויך קנוילן אין דער הויך...
דערמאָן איך דיך און די, וואָס זענען מיר ליב און טײַער,
וואָס זענען דורך די רוצחים אַוועק דורך פֿײַער, רויך.

איך זע אין שטילן פֿלעמל די קאַלכאויוונס די גרויסע
פֿון בערגען־בעלזען, דאַכאַו און מאַידאַנעק,
די קנוילן רויך, וואָס וויקלען זיך אין ווילדן קאַראַהאָד
געמישט מיט ריח־פֿלייש און וויגעשריי
פֿון צעפּײַניקטע נשמות מיטן לעצטן „אמא".

דאָס פֿלעמל צאַנקט אין שטילער שפּעטער נאַכט
און קרומע שאָטנס וויגן זיך מיט געוויין,
איך הער אַ שעפּטשען, קרעכצן, זיפֿצן שטילע,
דאָס כליפּען פֿון אַ קינד, אומשולדיק און ריין,
און ווידוי פֿון אַן אַלטיטשקן, ווי יום־כּיפּור די נעילה.

עס ברענען זיך די ליכט אין אַלע הײַזער, שטיבער
און ברענגען אונדז פֿון דאָרט אַ שטומען גרוס,
פֿון אַלע די, וואָס זענען ליב געווען און טײַער,
פֿאַרברענט אויף אַש, אין רויך און פֿײַער.

יום־כּיפּור, 5טן אָקטאָבער 1957

אַ פּאָרטרעט פון מײַן מאַמען

מײַן אַלטיטשקע מאַמע בייגט אײַן דעם קאָפּ שווער
און ס׳קאַפּעט אַראָפּ אין איר שויס הייס אַ טרער,
ווי אַן אומרו זי שאָקלט זיך הין און צוריק,
עס ציטערן ברעמען און צער אין איר בליק.

סוטן יוני 1961

ריווע יאַניש

די באַלאַדע וועגן מײַן שוועסטערס צאָפּ

מײַן שוועסטער איז געווען שיין,
מיט אברים: אָפּגעטאָקט
און איינס פון אירע פּערלדיקע ציין
מיט גאָלד באַצירט, האָט שמייכלענדיק געלאָקט.

נאָר שענער נאָך געווען איז מײַן שוועסטערס קאָפּ:
צניעותדיק פאַרקאַמט, אין מיטן מיט אַ שרונט,
האָבן האָר געכוואַליעט זיך אַראָפּ, אַראָפּ
און כוואַליענדיק געפלאָכטן, געקניפּט זיך אין אַ בונט.

ס'האָט מײַן שוועסטערס קאָפּ באַצירט
אַ לאַנגער שוואַרצער צאָפּ,
וואָס האָט בײַם מינדסטן ריר וויברירט
און אימפּעטיק צעלאָזט זיך אין גאַלאָפּ.

לאַנג דער צאָפּ, ווי שוואַרצער סאַמעט גלאַט,
בײַם סאַמע עק... אַ שלייפל רויט, ווי צינגל בײַ אַ שלאַנג;
ער האָט פאַרכישופט ניט איין יינגל, ניט איין יאַט,
און תאווהדיק געצונדן זייער בלוט, געדאַנק...

ס'וואַקסט דער צאָפּ, לענגער נאָך פון לאַנג,
וואַקסט און ציט זיך לאַנגזאַם צו דער ערד;
ס'פּויזעט, ס'קריכט אַ לעבעדיקע שלאַנג,
דאָך מײַן שוועסטערס גאַנג איז ניט באַשווערט.

ניט באַשווערט איר גאַנג, פאַרקערט,
ווי אַ סאַרנע פרײַ און פלינק
און איר לויפן אומגעשטערט...
איז איר גאַנג געווען איר גרינג.

נאָר פלוצלינג האָט אַ פײַער מוראדיק, מיט צאָרן,
פאַרטיליקט אַלץ און אַלעמען מיט אומווערדיקע הענט:
צעריסן קליינע קינדער, פאַרשניטן לעבנס, יאָרן,
און זיידעס, טאַטעס, מאַמעס... אַלעמען פאַרברענט!

און טעכטער יִדישע, מיט שוואַרצע אויגן, קעפּ,
האָט מען געשענדט צו ערשט, און זייער יאָמערדיק געוויין
אַנטשטומט געוואָרן איז בײַם אָפּהאַקן די צעפּ...
נאָכער האָט מען פאַרברענט זייער געביין.

ווּ ביסטו, שוועסטער מײַנע, ווּ איז דײַן אַש פאַרטראָגן?
ווּ שמייכלט איצט דײַן ציינדל מיט צניעות און מיט חן?
עס הערט ניט אויף אין מיר צו וויינען און צו קלאָגן...
ווען איך קען באַטש צוקאָפּנס ביי דײַן קבר שטיין!

גאָרניט איז געבליבן, קיין סימן פון קיין קבר,
קיין גראָז, קיין בוים, קיין בלום, קיין שטיין,
גאָרניט איז געבליבן, קיין סימן פון קיין אבר,
נאָר ווינטן זאָגן קדיש אין ווויעדיק געוויין...

אין זונפאַרגאַנג, בײַם פענצטער אין מײַן צימער,
ווען אָוונטרו מיט אומעט שפרייט זיך אויס,
זע איך אין לעצטן שטראַל דײַן ציינדל טוט אַ שימער
און לאַנגזאַם קריכט דער שאָטן, ווי דײַן צאָפּ די גרויס...

דײַן צאָפּ איז, מײַן שוועסטער, אַרײַן אין די סאַלאָנען,
דאָרט ווערט ער אויסגעפורעמט לויט מאָדע און קאָליר,
ער איז שוין ניט דער זעלבער פון די טויטוואַגאָנען...
דער איינציקער זכר, וואָס פאַרבליבן נאָך דיר.

איצט גייען זיי אַרום, די דאַמען, אין די גאַסן,
און הויך פאַרריסן האַלטן זיי די פאַלשע פוסטע קעפּ,
מיט אויסגעשמינקטע אויגן גייען זיי געלאַסן
און אין דער הייך פאַרפוצטע ליגן אַלע שוועסטערס צעפּ!

ווילט זיך רייַסן קריעה, זיצן שיבעה, שעלטן,
אויפשטעלן אַ תליה... אָפּהאַקן אַ קאָפּ!
איר וועט מיך ניט אָפּקויפן מיט שילומים־געלטן...
גיט מיר אָפּ צוריק מייַן שוועסטערס לאַנגן צאָפּ!

4טן יאַנואַר 1966

אַ פֿינטל מיטן אויג

סאַוואַנער קולטור

רעפריין:

אַ ברענטש מיט אַ שול
און אַ קלוב אין דער מיט,
קולטור פון דעם אַרבל
שיט זיך און שיט...
אַ סעקרעטאַר אין דיסטריקט
גאָר אַן אַנטיק...
צו שרײַבן די פּאָליטיק.

(1)
סאַוואַנער קולטור
זי האָט אַ שם,
איר האָט דאָ וואָס צו הערן
און צו זען,
זי שטייט ניט אָפּ
מיט איר קאָפּ
פון גרויסע לײַט
און ראַדיאָ־צײַט...
טאַראַראַ...

(2)
דער ברענטש איז שולדיק שׂכירות
אין צענטער דאָרט,
וועקסלען, חובות, זשירעס,
נאָר מען דרייט זיך פּאָרט,
די האָר פון קאָפּ
פאַרזעצט שוין לאַנג,
אַ נו, שטעלט אָפּ
אַזאַ געזאַנג...
טאַראַראַ...

(3)

די שול דער אויבנאָן
אין שטעטל איז...
וואָס זי זאָל ניט טאָן:
דער ערשטער פּריז.
אין לאַנד זי שמט,
און ווײַט אין פרעמד.
אַ נאָמען האָט,
אַ מזל, אָט!...
טאַראַראַ...

(4)

דער סעקרעטאַר, די צאַצקע,
ער שטעכט און בײַסט,
אַ מויל האָט ער אַ כוואַטסקע
ווי יעדער ווייסט...
ער רעדט מיט פלאַם
און שוימט מיט סם
אַ פולן ים,
אַ טאַראַראַראַם...
טאַראַראַ...

(5)

אַז שקר שלעפּט שלימזל
דאָס איז קיין סוד,
אַ שיעור־לעזאָזל
פון גאָטס גענאָד...
ער הוסט און ניסט,
ער קײַט און שפּײַט
ווען אים פאַרדריסט
אויף פרײַנד און לײַט.
טאַראַראַ...

(6)

דער טשערמאַן אין פֿאַרוואַלטונג
אַ וועלט ער ברענט,
ער איז גאָר פֿאַר אַלע דער אינטעליגענט...
ער רעדט פֿאַרשטעלט
און זײַ אַ העלד, —
פּרווו פֿאַרשטיין
זײַן קלאָרן מיין...
טאַראַראַ...

(7)

מיט קיינעם זיך ניט קריגן
איז זײַן טאַלאַנט,
ניט טשעפּענען קיין פֿליגן
אויף גלאַט דער וואַנט.
ער שווײַגט און רעדט,
ער בײַסט און גלעט,
נאָר שטענדיק שאַ,
אַ קונץ אַזאַ...
טאַראַראַ...

(8)

אַ לערער אַ מלמד
איז אויך פּאַראַן,
אַן אימפּאָרטירטע סחורה
מעבר־לים,
ער רעדט גאַלאָפּ,
ווי אין יוראָפּ,
אין האָרי־אָפּ,
פּרוווט שטעלט אים אָפּ...
טאַראַראַ...

(9)

אַ קיצן אַלע זונטיק
איז אויך פּאַראַן,
מע קריגט דאָרט וואָס עס ווילט זיך,
אַפילו מן...
די פיש איז ריין...
די זופּ איז... שפּײַ
נאָר עסן מוז מען
סײַ ווי סײַ...
טאַראַראַ...

(10)

אַז ס׳לעבן איז אײַנטאָניק
איז גאָרניט רעכט,
אַז ס׳פעלט דאָס ביסל לעבן
איז טאַקע שלעכט,
טאָ נעמט מען זיך
צו קאָרטן גיך,
מען האַקט די גיים
אַז ס׳גייט אַ רויך...
טאַראַראַ...

(11)

דינסטיק איז אַ שׂימחה,
אַ פאַמיליען-באַל,
שעמען מעג פּאַריז זיך
אין קאַרניוואַל.
פאַרגעסט די זאָרג,
מ׳לעבט אויף באָרג,
דאָס לעבן איז
אי ביטער, אי זיס...
טאַראַראַ...

רבקה פאָרט אַוועק

עס דרייען זיך די גרויסע רעדער,
פון פּאַיעזד שלאָגט אַ רויך,
דער לערער פאָרט מיט רבקהן
און רבקה מיט אַ באַן,

ווען דו ביסט אַוועקגעפאָרן,
ביסט געווען אַ קליינס,
זע איך איצטער נאָך דײַן סטאַניק,
ביסט שוין מער ווי איינס.

קינד מײַנס, האָסט מיר צוגעזאָגט,
דו וועסט ניט טאָן דאָס מער,
זאָגט דאָס נמשל עדות,
דו האָסט געטראָפן עס שווער.

וואָס זשע העלפן די אַלע טענות,
ווײַ צו מײַנע יאָרן,
אַז איך הייב ניט אָן צו וויסן
ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן.

פון אַלע דײַנע האַרטע ליגנס
קריג איך שיר דעם פּלאַץ,
וואָס זשע האָט איר ביידע
געטאָן אויף דעם מאַטראַץ.

ווער זשע וואָלט דאָס געגלייבט
אַז דאָרטן אין סאַוואַנע
וועט מען אונדז
מאַכן אַזאַ קאַנע.

וואָלט איך וויסן אַז מען וועט
אָפּטאָן אַזאַ שטיקל,
וואָלט איך מײַנעם שטאַרק פֿאַרבונדן
מיט אַ לאַנגן שטריקל.

נו, מיטן שור־הבור וואָס געווען
איז דאָס שוין אַוועק,
זאָל שוין צו דער מעשׂה
נעמען אַן עק.

אוי ווײ, ווײ,
רבקה פֿאָרט אַוועק.

דאַן און דאַניאַ

דאַן איז אַ שנײַדער אין וועסט־בראָדוויי
און דאַניאַ... זי העלפֿט אים אַרויס.
ווען אַ קאַסטימער קומט נאָך זײַן אַרבעט,
אונטערן פֿאַרטעך באַהאַלט ער זיך אויס.

דאַן זיצט בײַ טאָג און ער שטשאָבעט,
טרענצלט די שמאַטעס און טראַכט.
פֿאַר וואָס עפּעס שלאָפֿט זיך דײַן דאַניאַן
אין באַזונדערן צימער בײַ נאַכט?

דאַניאַ... זי גיט שטיל אַ שמייכל
און מעסט אים פֿון אויבן אַראָפּ —
הער, האָסט גאָרניט קיין שׂכל,
נאָר נייען ליגט דיר אין קאָפּ.

די עלעקטריק וועט באַלד זיך אויסלעשן
אַט גייט מען שוין אָפּשנײַדן דעם שטריק,
אין שטוב איז באַלד ניטאָ וואָס צו פּרעסן,
איך זע ניט אַוווּ איז מײַן גליק!

דאַן טוט אַ קראַץ זיך אין בערדל
און הערט אויס זײַן דאַניאַן ווי אין טראַק.
נאַ, געהילף, נעם אַ טיקעט אויף אַ פּערדל,
אפשר וועט זײַן אונדז גוד לאַק!

דאַן איז אַ שנײַדער אין וועסט־בראָדוויי
און דאַניאַ... זי העלפֿט אים אַרויס,
ער נייט און ער שטשאָבעט און לאַטעט
ביז די אַרבעט אין גאַנצן גייט אויס!

פּאַראָדיע...

מאי קא משמע לן אונדזער לעבן
וואָס זשע לאָזסטו מיר צו הערן?
מיט אַן אייגן ווײַב אין שטוב אימער זיצן —
קען מען פון איינזאַמקייט משוגע ווערן.

און דערצו אַן אַפּעטיט — האַלט שטענדיק אין איין קײַען,
און אַ פּיסקאַטש, ווי אַן אַלטע ראַדיאָ,
וואָס האַלט שטענדיק אין איין שרײַען,
מאי קא משמע לן מיט אַן אייגן ווײַב...

ציגײַנערליד

שפּיל גיטאַרע, ביז מײַן צער וועט אויפהערן,
זאָלן פּלאַצן די סטרונעס אָן אַ צאָל.
איך וויל מיט ווײַן און שאַמפּיין שיכּור ווערן
און פאַרגעסן וואָס געוועזן איז אַ מאָל.

(צוזאַנג) :

צו וואָס זיך זאָרגן, פאַר דעם מאָרגן,
גיס אַרײַן דעם בעכער ווײַן, העי !
הייב דעם בעכער, העכער, העכער !
טרינק דעם ווײַן, פאַרגעס דעם פּײַן.
שפּיל גיטאַרע, ביז דײַן האַרץ וועט אויפהערן
און דײַן סטרונע זאָל וויינען אָן אַ צאָל,
איך וויל מיט ווײַן און שאַמפּיין שיכּור ווערן
און פאַרשעמט זײַן, פאַרשעמט אַלע מאָל.

(צוזאַנג) :

די ציגײַנער זײ שלאָפן שוין, כראָפּען.
און מען הערט ניט אַ ליד כאָטש אַ קליינס,
כּל־זמן ס'איז דאָ נאָך ווײַן כאָטש אַ טראָפּן
איז דאָס לעבן און טויט מיר אַלץ איינס.

(צוזאַנג) :

קראַנק און שוואַך, אָן אַ דאַך איז פאַרבליבן
אַ ציגײַנער אַ העלד, גאַנץ אַליין :
פערדלעך גנבענען, מיידלעך פיל ליבן
און זינגען דאָס ליד אַזוי שיין !

(צוזאַנג) :

מײַן רבי

מײַן רבי איז אַ צדיק, מײַן רבי איז אַ גדול,
מײַן רבי שטופּט דורך אַ קעמל דורך אַ לעכל פֿון אַ נאָדל.
און ווען מײַן רבי שלאָפֿט, כאַפּט ער נאָר אַ דרימל
און זײַן בעטל אויף ספּרוזשינקעס לויפֿט דאָך גלײַך צום הימל.

מײַן רבי איז אַ גאָון, מיט גאָט איז ער אַ שמעלקע,
מײַן רבי טראָגט דעם יצר־הרע בײַ זיך אין קאָמיזעלקע,
און ווען מײַן רבי טוט אָן דעם טלית זאָגט ער די הייליקע תּפֿילה,
ער פֿאַרקאַטשעט זײַנע פּאָלעס, ווען ער זעט אַ בתולה.

מײַן רבי איז אַ חכם, מײַן רבי האָט ליב מענטשן,
דערפֿאַר קומען יונגע ווײַבלעך, אַז ער זאָל זיי בענטשן.
און ווען אַ ווײַבל וויל קינדער האָבן, גיט ער איר אַ ברכה,
מײַן רבי איז אויף דעם דער גרעסטער באַלמעלאָכע.

◆

לאָזט אַ קעצל זיך אַרויס
אַליין אויפֿן שפּאַציר,
כאַפּן לופֿט, אַ ביסל בלויז,
אָדער גאָר אַ מויז.

איז די נאַכט געוועזן שוואַרץ,
פֿול מיט מורא, שרעק,
נאָר דאָס קעצל מאַכט זיך האַרץ,
דרייט איר לאַנגן עק.

גייט מיט ווייכע קאַץ־מאַנירן,
שעפּט זיך אָן מיט לופֿט...
בלויז די גאַס זיך דורכשפּאַצירן,
נאָר זי הערט ניט, ווי עס רופֿט

עפּעס אַ מאַשין אַ גרויסע,
מיט צוויי אויגן — פֿײַער, בייזע,
לויפֿט אָן אָטעם, שנעל און... באַץ,
גלײַך אַרויף אויף אונדזער קאַץ.

איז דאָס קעצל אויסגעצויגן
געלעגן אויפֿן ברוק,
מיט צעעפֿנט ברייטע אויגן,
מיט אַ טויטן קוק.

ערגעץ וועט אַ קאַץ, אַ מאַמע,
וויינען אין דער נאַכט...
אוי, מײַן קינדעלע, מפֿונמה,
האָט ווער אומגעבראַכט.

ריווע יאַניש

חברשאַפט

„וווּנדער איבער וווּנדער"
האָט מאַני לייב געשריבן,
און די גוטע ווערטער
אין מײַן האַרץ פאַרבליבן.

איך האָב געזען דעם וווּנדער
אויף ערד און אויף זונען,
נאָר ניט אַזאַ וואָס כ׳האָב
אין „המשך" דאָרט געפונען.

בײַ אַ בייטעלע מיט בלומען
וואָס איז דאָרט געבאָרן
זענען מיר געקומען
און חברשאַפט געשוואָרן.

זענען אַלע קינדער
באַלד ווי איינס געוואָרן
און געטוליעט זיך אין איינעם,
ווי פון לאַנגע יאָרן.

און ס׳האָבן הימלען שמייכלדיקע
געקוקט אויף אונדז אַראָפּ,
געשיקט אונדז פרייד, טעג זוניקע,
געגלעט אונדז אויפן קאָפּ.

אוןביימער מיט די גרינע בלעטער
האָבן אונדז געקילט,
און קוואַלעכל מיט וואַסערל
אונדזער דאָרשט שטילט.

און דאָר, ווען בענקשאַפט כאַפּט דיך אָן,
און אויפן האַרץ ווערט שווער,
דו בענקסט, כאָטש דאָ איז אַזוי גוט,
דיין אויג באַהאַלט אַ טרער.

דאַן קומט פון קעמפּ די מאַמע
מיט שטילע, צאַרטע טריט,
מיט ליבשאַפט און מיט זיסע רייד,
מאַכט גרינגער דיין געמיט.

און ווי אַ זון נאָך רעגן,
ווערט ווידער פריילעך, פריי,
גייסט צום בייטל בלומען,
צו שווערן אויף דאָס ניי.

„וווּנדער איבער וווּנדער",
האָט מאַני לייב געשריבן,
נאָר דער קעמפּ „המשך"
איז אין מיין האַרץ פאַרבליבן.

◆

שפּיל ציגײַנער מיר דאָס לידל,
„גרינע בלעטער" אויפן פידל.
טראַ לאַ לאַ.
„גרינע בלעטער"... אַ גאַנצע נאַכט,
נאָר געהוליעט, נאָר געלאַכט.
טראַ לאַ לאַ.
„גרינע בלעטער", ברענט אַ שטערן,
באַלד וועט ער פאַרלאָשן ווערן.
טראַ לאַ לאַ.
פאַלט אַ שטערן, פאַלן צוויי
און דאָס האַרץ גייט אויס פאַר ווײ.
טראַ לאַ לאַ.
„גרינע בלעטער", אַלץ וואָס שיין
אויף דער ערד, דאָס מוז פאַרגיין.
טראַ לאַ לאַ.
„גרינע בלעטער"... שוואַרצע טויערן,
וואָס געהאַט, אַלץ פאַרלוירן.
טראַ לאַ לאַ.
ווינט און פעלד און נאַכט און רעגן,
צו וואָס לעבן, צו וואָס פרעגן?
טראַ לאַ לאַ.
וואָס געוועזן און וואָס וועט זײַן,
רויט איז בלוט און רויט איז ווײַן.
טראַ לאַ לאַ.
נאָך אַ מאָל דאָס אַלטע לידל.
„גרינע בלעטער" אויפן פידל.
טראַ לאַ לאַ.

זומערצײַט

זומערצײַט אין די גרויסע היצן,
אַלצדינג הענגט און אַלע גלידער שוויצן.
און דער מאַן וויל פון גאָרניט וויסן,
ווען עס קומט אָן די נאַכט, וויל ער געניסן...

זומערצײַט, מיט דונערן און בליצן,
ס'איז שווער צו שטיין, צו ליגן און צו זיצן,
פון אונטן הענגט, ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה...
עס העלפט ניט קיין רייד, און ס'העלפט ניט קיין טענה...

זומערצײַט... לייגט עס אָפּ אויף ווינטער...
וועט זײַן אַ סך בעסער, און אַ סך געזינטער,
ווען פעטער פראָסט מאַכט אַלץ שטײַף און האַרט...
וועט אײַך ניט פאַרדריסן וואָס איר האָט געוואַרט...

וואָס וועט זײַן, אַז משיח וועט קומען?

וואָס וועט זײַן, אַז משיח וועט קומען,
מיט וואָס וועט מען באַגעגענען דעם רבין דעם פרומען?
פון וויַין און פון בראָנפן וועט גיין אַ רעגן,
און דאָס אַלץ וועט זײַן פון צדיקס וועגן.

טשירי־בירי בים־באָם, בים־באָם, בים־באָם...

דעם רבינס קאָטש וועט זײַן פון לעדער,
און פון ציצות וועלן זײַן די רעדער,
די לייצעס וועלן זײַן פון רצועות געצויגן,
דער רבי וועט פליִען פײַל פון בויגן.

טשירי־בירי...

אויף דיביימער וועלן וואַקסן ציבעלעס מיט בולקעס,
אויף די ביימער וועלן הענגען צעפיקעס מיט לולקעס,
די בלעטער וועלן זײַן פון טערקישן טיטון,
און אַלע חסידים וועלן רייכערן דערפון.

טשירי...

דער רבי וועט פליִען אויף אַ פײַערדיקן פערד.
אַרויס פון הימל, אַראָפּ אויף דער ערד,
אַרויס פון גיהנום, אַרײַן אין גן־עדן,
דער רבי וועט טאַנצן מיט צען שאָק מיידן.

טשירי...

דעם רבינס שטוב וועט ניט זײַן פון ציגל.
נאָר פון טשאָלנט און פון קיגל,
מיט האָניק וועלן זײַן באַשמירט די ווענט
און אַלע חסידים וועלן כאַפּן מיט די הענט.

טשירי...

די רביצין וועט ניט זײַן אַ ליאַדע ווער,
איר טאַטע וועט הייסן מאָטיע בער,
און ער וועט זײַן דעם רבינס שווער
און אַלץ וועט זײַן לויט זײַן באַגער.

טשירי...

מע וועט נעמען אַ בהמה, אַ כשרע, אַ פרומע,
ס'וועט זײַן אַן אייניקל פון דער פרה־האדומה.
די קאַרעטע וועט מען אײַנשפּאַנען פאַרן רבין פאַרן פרומען
במהרה בימינו, אַז משיח וועט קומען.

טשירי...

ריווע יאַניש

פורים

הײַנט איז יום־טוב, הײַנט איז פּורים,
פרייט זיך אַלע קינדער,
מיט די הענטלעך, מיט די פיסלעך,
פּאַטשט זשע צו געשווינדער.

פריילעך איז דער טאַטע הײַנט,
אויפגעלייגט די מאַמע
און איר פּנים לײַכט און שײַנט,
ווי זון אין העלן תּמוז.

ליכטיק איז אין שטוב און שיין,
ריין אין אַלע ווינקלען,
און די לײַכטערס אויפן טיש
אויסגעפּוצטע פינקלען.

המן־טאַשן, פלאָדן, קיכלעך,
רייצנדיק זיי ווינקען,
און דער ווײַן פון פולן פלאַש
בעט מען זאָל אים טרינקען.

אַ שׂימחה איז אַצינד בײַ אונדז,
אַ שׂימחה און אַ ווונדער,
הייבט דער טאַטע אָן דערציילן,
איר מעגט הערן קינדער:

„אַ קעניג איז אַ מאָל געווען
אַ נאַרישער, אַ שלעכטער,
האָט זיך שענדן אים פאַרגלוסט
יידישע זין און טעכטער.

ערגער נאָך פון אים געווען
המן דער רוצח,
און אַלע ייִדן האָט ער געוואָלט
פֿאַרניכטן מיט זײַן כּח.

געקומען איז דער גוטער מרדכי
און די שיינע אסתּר,
אײַנגעשטעלט זיך פֿאַר איר פֿאָלק,
ווי אַ גוטע שוועסטער.

באַפֿעלן האָט דער קעניג באַלד
תּליות אויסשטעלן געשווינדער
און געהאַנגען זאָלן ווערן
המן און זײַנע קינדער.

אַ שׂימחה איז פֿון דאַן פֿאַרבליבן
בײַ ייִדן אין דער וועלט,
שיקט מען זיך שלח־מנות,
ווער מיט נאַשוואַרג ווער מיט געלט".

מײַנע עשׂרת־הדיברות

זכור, געדענק:

1) זאָלסט ניט אָנפּליוכען אין וואַשצימער... ניטאָ ווער עס זאָל דיר נאָכגיין. וויש אַרום ווו דו פאַרגיסט און לאָז ניט איבער קיין שמוץ.

2) זאָלסט ניט מאַכן קיין גרויסן פײַער בײַם אָנוואַרעמען עפּעס: איך האָב ניט קיין „פײַער אינשורענס"... האָסט ניט געוואָלט, האָב איך ניט באַנײַט. זײַ פאָרזיכטיק.

3) זאָלסט ניט אַוועקגיין פונעם אויוון ווען דו קאָכסט אויף מילך: עס וועט אויסלויפן... אָך און וויי וועט זײַן צו דיר ווען כ'וועל געפינען אַ שמוציקן אויוון.

4) זאָלסט ניט האַלטן דעם פרידזשידער אָפן צו לאַנג... איך האָב דיר געוויזן ווו אַלץ שטייט און ליגט... דאַרפסטו געדענקען.

5) זאָלסט ניט פרעגלען עפּעס, אַז די סקאָוואָראָדע זאָל זײַן אָפּגעדעקט, נײַערט פאַרדעקט, וועט דער אויוון זײַן ריין.

6) זאָלסט ניט אָנברעקלען אונטערן טיש און אַרום דיר. נעם דאָס בערשטעלע און רייניק באַלד אָפּ.

7) זאָלסט ניט פּוצן די שיך אין שטוב, נאָר אויף דער טעראַסע אויף אַ גרויסן פּאַפּיר.

8) זאָלסט ניט שלינגען קיין שטיקער, ווי אַ גאַנדז, נאָר פּאַמעלעך צעקײַ יעדער ביסן, וועסטו האָבן אַ גרעסערע הנאה און ווייניקער גאַזן.

9) זאָלסט ניט לאָזן אָפן די קראַנען, זיי זאָלן דריפּען אַ גאַנצן טאָג, נאָר פאַרדריי זיי שטאַרק, האָסט גענוג כּוח.

10) זאָלסט ניט אַרײַננעמען קיין פרעמדע אישה אין מײַן בעט, גיי מיט איר ווו דו ווילסט, צו אַל די רוחות, נאָר ניט דאָ.

אַז דו וועסט אָפּהיטן די אַלע כּללים, וועט דאָס זײַן גוט און וואויל... אַ ברכה און הצלחה אויף דײַן באַרוועסן קעפּעלע, אָמן!

♦

ברוינע הויט און פעטע לײַבער,
אויסגעצויגן אויף די בעטלעך
ליגן מענער, ליגן ווײַבער
מיט פאַרדעקטע נאָז און אויגן.

נאָר מע טראַכט אַרײַנצוכאַפּן,
וואָס מער זען און וואָס מער עסן...
ווי אַן עוצר צו דערטאַפּן,
אַבי ניט בלײַבן דאָ פאַרזעסן.

ברייטע גאַסן, שמאָלע טראָטואַרן,
צוויי קענען קוים זיך דורכשפּאַרן,
גייט איינער פאָרנט... איינער פון הינטן,
פון פאָרנט די זון, אין פּלייצע די ווינטן.

אַ שטאָט... אַ פּאַרנעם, מיט גרויסע האָטעלן,
פון אַלעם גוטן, מען דאַרף נאָר וועלן,
עס וויל דאָך אַיעדער, מע איז ניט קיין נאַר,
קוים האָסטו מיט וואָס צו באַצאָלן דערפאַר.

♦

זיץ איך מיר בײַ די מאַשינען,
אין שאַפּן ווו עס רינט דער שווייס,
בײַ דיר אין לאַנד, ווו פּאַלמען גרינען,
טוט די זון מאַרשירן הייס.

עס רוישט דער שאַפּ און ס׳רוישן ווײַבער
און עס גייט אָן אַ פּאַרמעסט
צווישן שלאַנקע פעטע לײַבער,
ווער עס האָט דאָ גוטע קעסט.

עס שטיל

זי:

איך האָב שוין ניט איין מאָל דיר אָנגעזאָגט
אַז גוט זאָלסט צעקייַען דעם עסן,
ווערסטו ניט האָבן פּאַר מיר זיך באַקלאָגט...
און האָסט גלייַך מייַן אָנזאָג פאַרגעסן.

עס שטיל, גאַנץ שטיל, אַז קיינער בייַם טיש זאָל ניט הערן,
און זאָלסט מיט די ליפּן,
ניט טאָן צו שטאַרק זופּן,
כּדי קיינעם בייַם טיש ניט צו שטערן!

ער:

דו ווייסט, אַז איך האָב דיך קיין מאָל ניט געפאָלגט
און וועל אויך דיר איצטער ניט פאָלגן;
איך האָב ליב צו עסן אַזוי, מיט אַ טאָלק,
און טשאַמקען און סמאַטשקען די פּאָלקעס!

כ׳גרעבץ שטיל, גאַנץ שטיל,
אַז אַלע בייַם טיש מעגן הערן,
און זאָל נאָר דאָס עסן מיר ווויל באַקומען,
איך וועל מייַנע גרעבצן ניט שטערן!

ריווע יאַניש

אַ בינטל מתּנות

אויסגעטיילט צו די געטרײַע מיטגלידער פֿון ש״ע־קלוב פֿאַר זייער טשיקאַווען שנאָרכן, פֿײַן הוסטן, זיס דרעמלען, ביטער ניסן, און אַנדערע „גוטע און געהאָרכזאַמע מעלות...״

ווער זײַן מתּנה וועט ניט געפֿעלן ווערן, קען אויסבײַטן אויף פֿאָלגנדיקן אַדרעס:
משה גימפּל, זוך מיך, קאַנקניסל,
אוליצאַ דרײַ פּאַרטל טרי קומאַדערס טונעיאַדעווקע,
מיאַסטאַ... קאַבצאַנסקי

1) אַפּלבוים (אים) — אַ פּובליסיטי־אַגענט פֿאַר זײַן דערהויבנקייט.
2) אַפּלבוים (איר) — אַ געלעגנהייט זיך דורכצוריידן מיט איר אייגענעם מאַן.
3) איזאַרד — אַריכת־ימים פֿאַר זײַנע קורצע נעבעך און שפּינאַזעס ווערק בעסער צו פֿאַרשטיין.
4) בערלינער — אַ מיטל קעגן שלאָפֿלאָזיקייט און אַן אלף־בית מיט נקודות.
5) שוועסטער ברום — אַ נײַעם דעזאַין פֿאַר שטריקן.
6) קאַרוזאַ גראָסמאַן — אַ קאָנטראַקט אין „מעטראָפּאָליטאַן־אָפּעראַ־האַוז״.
7) פֿר׳ גראָסמאַן — נײַן מאָס רייד.
8) גערבער — אַ מעכאַנישע דערפֿינדונג, דער ציגאַר זאָל זיך האַלטן אין מויל.
9) דאָן (אים) — אַ קאָנטראַקט ווי ראַדיאָ־„ספּיקער״. (נעמענדיק אין באַטראַכט זײַן קאָלאָסאַלן באַס).
10) דאָניאַ — די מעשׂה פֿון שבת בײַ נאַכט (אין בוכפֿאָרעם).
11) דײַמאָנד — דעם רבונו־של־עולמס הילף צו „פּרנסה״.
12) האָסט — אַן עראָפּלאַן וואָס זאָל זי אָפּפֿירן פֿון קלוב אַהיים.

13) פּר׳ הווירש	אַ טאַבּאַטל פּריסן סמעקעדיקן צאַקלאַד... טיטל פּראָפעסאָר פון דער באַרימטער שפּיל „פּינאַקל״.
14) האָפּמאַן	אַ רעגולירטן, געררדרוקטן טאָג־אָרדענונג מיט אַ רעגיליגיעזן אינהאַלט... אַן היפּאַ־קריטסטווא.
15) וואָלפין	ד״ר מעריסאָנס באַטאַניק... די וועלט פון פּלאַנצן.
16) יאַניש (אים)	אַ געשמאָלצענעם הערינג מיט אַ גראָבן רוקן.
17) יאַניש (איר)	אַ קאַמערטאָן וואָס גיט אָפּ האַלבע טענער מיט אַ ביסל לאָק.
18) סאַדלער	דעם אַדרעס פון לאָקאַל.
19) פאַמיליע יודינסקי	אַ קראַפּט אין זייערע אַלטע ביינער.
20) פּלאַטקין (אים)	אַ פּאָר אַפּיצירסקע שליפעס און אַ שיפּס־קאַרטע נאָך „יוראָפּ״.
21) פּלאַטקין (איר)	אַ נייעם בענטשער מיט גרויסע אותיות, מחמת זי איז געבאַפּט אויף דער ראיה.
22) פּעסינג	אַ פראַק אויף זאַוועסעס, אַ צילינדער אויף רעדלער און אַ שירעם אויף וואַטע.
23) פּרימאַן	אַ טלית־קטן מיט רויטע ציצית, און אַ מנין צום דאַוונען ווען ער קומט אין לאָקאַל.
24) פּײַנבלום	אַ נעקטײַ וואָס זאָל מעטשן צו זײַנע קאַמאַשלער.
25) קרעמער	אַ מעשה־ביכל מיט פריש געבאַקענע מעשׂיות.
26) שיר (אים)	פּשיבישעווסקיס אַלע ווערק אין פּראַכט־אויסגאַבע און זייער דאַדאַטעק, אַ פּאָר־אייניקטן פּראַנט מיט פּרימאַנען (מיט גאָל־דענע אותיות.).
27) שיר (איר)	ערשטקלאַסיקער „ראָלינג סקייטס״.

ריווע יאַניש

קאָרטן־און לאָטאָ... פּאַפּערי

זונטיק... קאָרטן,
מאָנטיק... קאָרטן,
דינסטיק און מיטוואָך קאָרטן,
דאָנערשטיק און פרײַטיק קאָרטן,
זונטיק נאָך מיטאָג אין אַ נאָווינע אַ פּינאָקל,
מאָנטיק ווײַטער קאָרטן.

קאָרטן, קאָרטן, קאָרטן!
קאָרטן איז אַ זאַך אַ גוטע,
און אַז עס פאַלט אַרײַן אַ שלעכטע קאָרט,
בלײַבט מען אָן אַ פּרוטה.

אוי, לאָטאָ, לאָטאָ, לאָטאָ!
אין לאָטאָ ליגט די ווײַבערשע נשמה
און אַז עס לאָזט זיך אויס: די ערשטע אַכט סענט,
שפּילט מען דאָך אין יאָמע.

יאָמע, יאָמע, יאָמע!
אוי, שפּילן אין יאָמע טויג דאָך אויף כּפּרות,
און אַז די באַבטשע קומט ניט אַרויס,
זיצט מען אין געהאַקטע צרות.

און אַז ווילי דער קאָרטן־מײַסטער
האָט געעפּנט זײַן פּעטן טײַסטער,
האָט געעפּנט זײַן פּעטן טײַסטער
ווילי דער קאָרטן־מײַסטער...
זענען אַלע קאָרטקנאַקערס
באַלד געוואָרן גרויסע...
און געצויגן פון די קעשענעס אַרויס...

און אַז די קלינגענדיקע געלטן
האָבן אָנגעהויבן ווערן זעלטן,
האָט מען אָנגעהויבן פּילדערן און שעלטן:
„אַי, אַ קראַמף דיר אין נעגל״,
„אַי, געשווירן דיר אין מעגל״,
„ממזרוק דו, אַ ניכפּה אין דײַן ביין!״

הוליע קבצן...

ווער זשליאָקעוועט און שנאַשקעט ?
ווער שיכּורט און ווער זויפט ?
ווער פּרוווט און שאַצט די משקה ?
ווער האַנדלט, צאָלט און קויפט ?

ווער מאַכט זיך פריילער, זינגט און טאַנצט,
כאָטש האָט ביי זיך קיין סענט,
דאָס אַלעס איז דער פריינד עמך,
דער פאָלקס־דיריגענט !

ווער האָט זיך אָנגעטרונקען ?
בגילופינדיק זיך פילט ?
ווער ווייסט קיין טעם פון משקה ?
מיט ווייבער ווער זיך שפילט ?
אויף ועמענס חשבון קושט ער זיי
און קריכט מיט זיינע הענט ?
דאָס אַלעס איז דער „יונגער־מאַן"...
דער פאָלקס־אינטעליגענט !

בריוווקאַסטן

שיר: דאָס בעסטע מיטל געהאָלפֿן צו ווערן אין דער היינטיקער שווערער צייט איז... אַ פֿינפֿטלינג. בעטס גאָט!

שיריבע: זעלבפֿאַרשטענדלעך, שווייגן איז די גרעסטע חכמה.

דאָן: אויסגעשלאָסן! אַזוי ווי שוואַרץ שפּילט שוין די ראָלע אין פּויכטוואַנגערס „ייִד זיס". ראָטן מיר אייך דעריבער צו שפּילן... פּינאָקל.

דאַניע: דער בעסטער מיטל קעגן מייז איז אַרשעניק, קעגן פּלערלײַ קליינע אינזעקטן... פֿליט; אין פּינאָקל־שפּילער... אַ גראָבע קאַטשאָלקע.

איזאַרד: עס אַרט אונדז ניט וואָס איר שניידט זיך אויף אַ דייטש... אָבער, „אום גאָטעס ווילן", קומט צו אַ מיטינג און לאָזט אונדז כאָטש וויסן מיט אַ האַלב יאָר פֿאָרויס ווען איר קומט. אַגב, מיר ראָטן אייך אָפּצולייגן אייערע קאָפּווייטיקן אויף מאָנטיק און פֿרייטיק.

אַפּלבוים: ווען איר קומט צו אַ ברענטש־מיטינג, ברענגט אַ בליץ־אָפּלייטער און שטעלט אים אַוועק צווישן ברענטש־סעקרעטאָר און אייך.

אַפּלבוימיכע: אויב איר קענט גרויסע מענטשן, דאַרפֿט איר אַוודאי קענען הער אַפּלבוים סעניאָר...

פֿרימאַן: אייב קאָהאַן לאָזט אייך האַרציק גריסן, האַלט ער פֿון אייך זייער שטאַרק.

פּלאָטקין: אויב איר ווילט אַ מאָל געווינען אין פּינאָקל, הערט אויף צו שפּילן מיט די פּאַרטאַטשעס און אימפּאָרטירט בעסערע שפּילערס, ווייל אַזעלכע זיינען דאָ ניט בנימצא.

פלאַטקינטשיכע: יאָ, לאָטאָ איז געגעבן געוואָרן דירעקט פון באַרג סיני, איר מעגט דעריבער שפּילן אין לאָטאָ אַפילו אום שבת.

גראָדמאַניכע: קיין האָפענונג דאַרף מען ניט פאַרלירן. אויב גוואַלדעוועט איר, אַז מענער טשעפּען זיך צו אייַך, בשעת זיי טשעפּען אייַך ניט, קאָנט איר האָפן אַז אַזאַ טשעפּעניש קען אַ מאָל קומען אויף אַן אמת אומגעריכט. דער עיקר האַלט זיך ביי דאָס אייַעריקע: שרייַט וויפל איר קענט נאָר, אַז מען טשעפּעט זיך צו אייַך.

קרעמער: נו, נו, פאַר וואָס גייט איר ניט נאָך דער לעצטער מאָדע? (קינדלען).

פייַנבלום: איר ווילט וויסן וואָס עס וועט זייַן באַחרית־הימים? דאַן וועט דער דיסטריקט־סעקרעטאַר בכבודו־ובעצמו מיטן ברענטש־סעקרעטאַר, זייַן מאַיעסטעט, גיין אַ ריקודל מיט ניט קיין גע־פאַנצערטע נעזער.

וואָלפין: פאַר אייַער אינפאָרמאַציע: די מיטינגען פון ש״ע־קלוב קומען פאָר יעדן מיטוואָך, נייַן אָוונט, 244 וו. בראָדוויי.

פעסינג: עס איז ראַטזאַם, אַז איידער איר לייגט אַרויף דעם זויל אויפן שוך, זאָלט איר אים גוט אויס־ווייקן אין וואַסער. דערביי וועט איר שאַנעווען אייַערע צערטלעכע איידעלע הענטעלער.

הוירש: ווען עס כאַפּט פלוצלינג אָן אַ בויכווייטיק אין סאַמע ברען פון שפּילן... שעמט מען זיך ניט!

הוירשיכע: איציק לאַפּידעס איז טאַקע אייַערער אַ לאַנדס־מאַן, אָבער מיט דער יידישער איציקלאַפּעדיע האָט ער גאָרניט צו טאָן.

יאַניש: צוליב באַקוועמלעכקייטן ראָטן מיר אייַך אייַנ־צוהאַנדלען אַזאַ מין מאַשין ווו מען לייגט אַרייַן ניקל און מען נעמט אַרויס... פייַגן...

יאָנישיכע: אין איַיער איצטיקער ספּעציעלער לאַגע איז זייער שעדלעך איַיער צו הייסער טעמפּעראַמענט. מיר ראַטן איַיך דעריבער אויסצוטרינקען צען גלע־זער וואַסער אַ טאָג, וועט איר זיך געוויס אָפּקילן.

אַ גרופּע

אַלטע בחורים: איַיער שלעכטער אַפּעטיט, גלאַנציקע פּליכעס, קאָפּווייטיק, שלאָפלאָזיקייט, ציינווייטיק — דע־ריבער: קריכט ניט אין ענגע לעבער, פּלאָנטערט זיך ניט צווישן די פיס, שלאָפט אויף האַרטע מאַטראַצן, מאַכט קאַלטע איַינרײַבונגען אין דער פרי און פאַרן שלאָף, און... נאָר דעם מלאך־המוותס טאָכטער קען איַיך העלפן...

ניומאָפּס פֿאַרם

צען ווײַבער זענען מיר דאָ אין האָטעל „קאָר אַליין",
ניט אַלע זענען מיאוס, ניט אַלע זענען שיין,
עס ווילט זיך אַ פּאָר ווערטער זיי דאָ זאָגן,
נאָר קיינער זאָל ניט פּראָטעסטירן און זיך ניט באַקלאָגן.

די ערשטע אויפֿן צעטל איז אַ וואַזשנע אָסאָבע,
זי איז דאָך קיין עין־הרע אַ גרויסע און אַ גראָבע.
אַ גאַנצן טאָג דעם מויל טוט זי ניט צומאַכן,
און די בנים אַ גאַנצן טאָג הונגערן און שמאַכן...

אין זעקס וואָכן אַרום איז איר מאַן געקומען,
האָט ער געהאַלטן נעבעך אין איין שוויַיגן און שטומען,
אויסגעדאַרט און קראַנק, צעבראָכן און שוואַך,
האָט ער צו מאָרגנס גאַנץ פֿרי געמאַכט דעם ויברח...

אַ גאַנצע וואָך האַלט זי אין איין שלאָפֿן און עסן
און איר דאַרן יינגל טוט זי אָפּט פֿאַרגעסן;
זי שפּיגלט זיך און פּוצט זיך, אויסצוזען וואָס שענער,
און ווען זי זינגט, רײַסט זי זיך אויף די העכסטע טענער.

איר מאַן האָט איר געבראַכט עלף אייער מיט עלף באַנאַנעס,
אַלע ווײַבער זענען איר זייער שטאַרק מקנא,
זי האָט אים אַרויפֿגענומען אָפּצוקילן,
נאָר איר הונגער נאָך ליבע קען ער ניט אײַנשטילן...

פֿון אויבן זעט ער אויס ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא.
נאָר זי זאָגט, זי האָט גענוג, זי האָט צו אים קיין טענה,
ליבעבריוו טוט ער יעדן טאָג איר שרײַבן
און מיר טוען יעדן טאָג קאַטאָוועס מיט איר טרײַבן...

אין זײַן ביכל האָט ער דעם רויטן טרעפיק פֿאַרשריבן,
צוליב דעם איז ער אַ „וויקענד" אין שטאָט דאָרט פֿאַרבליבן.
נאָר איצטער איז ער קליגער, קומט שבת — איז ער דאָ!
ער זאָגט עס לוינט זיך, ס'איז דאָך גוט אַפילו אַ חי־שעה.

אַ ווײַבעלע אַ שיינע, אַן איידעלע, אַ צאַרטע,
קען נעבעך דאָ ניט שלאָפן אויף די מאַטראַצן די האַרטע,
זי איז ניט אַבי ווער, נאָר שטאַמט פֿון חזנים בראַווע...
זי ציט איר יִחוס נאָך פֿון פּוילן, אַזש פֿון מלאַווע...

אַ מיידל נאָך פֿון פֿריִער און אַ יִנגעלע אויף דער עלטער,
דאָך איז בײַ איר די ליבע הייסער און ניט קעלטער,
אַ מאַן האָט זי אַ פֿאַרשוין און גוט ווי גאָלד,
האָט מען זיך דאָך שטענדיק ליב, האָט מען זיך האָלט...

אַ ווײַבל מיט צוויי קינדער, אַ מיידל און אַ יִנגל,
אַ לאַנגן נאָז האָט זי מיט אַ שאַרפֿן צינגל,
אַ מײַסטערקע אַ גרויסע אויף קללות צום גראַם,
און אַלס צוגאָב לייגט זי צו איר אייגענעם מאַן...

אַ מאָל מאַכט זי אַ טומל, אַז אַך און אַז וויי,
איך בין דאָך געבליבן אויף שבת מיט איין איי,
מײַן מאַן דאַרף דאָך קומען, מען דאַרף דאָך וויקן ס'בײַטל!
אוי, אַ בראָך צו מײַנע שׂונאים כאָטש אין איין זײַטל!

זי האַלט זיך פֿאַר אַ דערציִערין פֿון קינדער, אַ גרויסע,
אַן אָנהענגער פֿון קאָמוניסטן איז זי אַ הייסע;
זי שטריקט פֿאַר דער רעליף און פֿאַר שפּאַנישע אַרעסטירטע,
וויפֿל זי זאָל אַרבעט ניט טאָן, איז זי די זעלבע גבירטע.

איר מאַן האָט מיט זײַן וואָקיישן פּאַראַיאָרן ניט אָנגעטראָפן,
האָבן זיי בײדע אויסגערעכנט אויף שפּעטער מיט צוויי וואָכן,
מאַכט זיך אָבער אַ צרה, אַ קינד איז קראַנק געוואָרן...
ניטאָ קיין מזל, דאַרף מען אויך ניט ווערן געבאָרן...

די שענסטע און די שטילסטע, אַ ווײַבעלע פּאַראַן,
דערפאַר האָט זי אַ מזיק, אַ פֿײַער ניט קיין מאַן,
אוי, זײַנע אויגן, שיסן מיט פונקען אויף די ווײַבער,
ווען ער קוקט דאַכט זיך אויס, ער זעט בלויז היילע לײַבער...

אין אַ צײַט אַרום איז ער צו איר אַרויסגעקומען,
האָט זי אים גלײַך צום קאַלטן שײַער גענומען,
און נאָך אַ לאַנגן וואַרטן און יִשוב־הדעת
זײַנען זיי צוריקגעקומען, ניט טרוקן און ניט נאַס...

אַ פּאָרל איז געקומען, אַ באָבע מיט אַ זיידע,
זאָלן זיי זיך עלטערן אין כּבוד בײדע,
נעמען פון די אָבות, אַברהם און לאה,
האַלט ער בײַ זיך די מאה, און זי די גאַנצע דעה...

אַ גאַנצע וואָך האַלט זי נאָך איר מאַן בענקען,
אוי, זי האָט אים נאָר צום גוטן טאָקע צו געדענקען,
יעדן פרײַטיק ברענגט ער וואָס אַ האַרץ טוט גלוסטן,
צונג מיט קראַשיצע און לעבער און די בעסטע ברוסטן...

ווען ער קומט צו פאָרן פון די ווײַטע וועגן
טראָגט זי אים אונטער, אַלץ וואָס זי האָט, אַנטקעגן,
געפילטע פיש און צימעס, ס׳רינט אַזש אַראָפּ די סלינע,
און עס נידערט אויף איר אַראָפּ די שבתדיקע שכינה...

ער האָט איר אָנגעזאָגט דעם עסן ניט צו קאַרגן,
פֿאַר אים זאָל זי איבערלאָזן אַלע זאָרגן...
ווײַל אַ קצב, זאָלט איר וויסן, האָט ליב וואָס אָנצונעמען,
נאָר, נשקשה, מיט אים דאַרף זי זיך ניט שעמען!

ווער עס איז שיין... איך בין דאָך קלוג,
איין רויטער ייִנגל איז פֿאַר מיר גענוג,
אַ גאַנציקן טאָג קומט זי אָפּ מיט חיי־קאַק,
קומט בײַ נאַכט, טאַשט זי די קאַרטן מיטן גאַנצן קנאַק.

אוי, אַלע, זאַלבער פערט, האָבן זיי אַ פּאָר נעכט געשלאָפֿן,
אָסור אויב איך וויס צו וועמען ער האָט געטראָפֿן.
די שוויגער מיטן ייִנגל זענען געווען אין וועג,
און דער מאַטראַץ מיטן ספּרינג האָבן געסקריפּעט ווי אַ זעג...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן בײַ איר פֿון היי־פּיבער דער סעזאָן,
נו, האַלט זי, קיין עין־הרע ניט, אין הוסטן און אין ניסן,
די ייִנגלער זענען רויט און מיט טרערן פֿאַרלאָפֿן,
קומט בײַ נאַכט, קען זי נעבעך פֿון נעזל ניט אײַנשלאָפֿן...

אונדזער באַלעבאָסטע איז אַ ווילדע בריאה,
אירע רומס, זאָגט זי, איז אַ גרויסע מציאה,
די פּעצענעס פֿון די קי אָנגעגאָסן מיט יויך,
קוקנדיק קערט זיך איבער די קישקעס אין בויך...

אין קיך קומט זי אַרײַן יעדער מינוט,
וואָס זי זאָל ניט זען דאָרט, ווערט איר ניט גוט,
דאָ זעט זי עס ברענט, און דאָ לויפֿט אויס אַ טעפּל...
אײַ, איז דאָס אַ ברײַנדל קאָזאַק, אײַ, האָט זי אַ קעפּל!

ביז לייבאָרדעי, זאָגט זי, איז ביי איר דער „סיזן“,
און נאָך דעם וועלן אַלע פּאַקן זיך מוזן,
און טאָמער וועלן עטלעכע נאָך ראש־השנה בלייבן,
וועט זי אָפּרופן די טרופּערס און זיי במחילה אַרויסטרייבן.

די אייער פון די הינער מיט זומער־שפּרענקעלעך באַשאָטן,
זיי זענען טאַקע אַלע אין פאַרמער גערעאָטן,
אַזוי איז ער אַ שטילער און מישט זיך ניט אין די ביזנעס,
ער האָט ניט ליב דעם מין ווייבער מיט זייערע פּיזמות.

ער גייט אַרום אַ שטייפער, ווי אַ סטרונגע אָנגעצויגן,
אָן אַ פריַיע מינע, מיט אָנגערוקטע אויגן,
אויף ווייבער טוט ער נאָר פון דער ווייטנס קוקן,
און ווען מען קומט אין קיך אַריין, טוט ער זיך אַרויסרוקן...

זיין פּייפ איז אויסגעמוליעט פּונקט אין דער מיטן,
מיט אַזאַ קורצע סייז קען ער קיינעם ניט ביטן...
און ווען מען דרייט אָפּ דעם קראַן, גיסט זיך גנעלע וואַסער,
באַוויַיזט אַ קונץ און גייט אַוועק פון פּייפ ניט קיין נאַסער...

אַ ווייבעלע איז אַרויף אָפּסטערז אין טואַלעט פּישן,
האָט זי דאָרט די הויט פון דער פּאָלקע אָפּגעריסן,
אַ האַלבע פּאָלקע האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין שפּאַלט,
איז זי געלאָפן צו דעם פאַרמער מיט אַ גרויס געוואַלד.

„פּיקטשורס“ האָט מען זיך גענומען, אָן שטיקלעך פּיס און קעפּ,
ביי איינעם פעלן דאָרטן פון קראָק אַלע קנעפּ,
ביי אַ צווייטער איז דער בוזעם צו פיל אַראָפּגעלאָזן,
און ביי אַ דריטער איז דער בויך צו פיל אָנגעבלאָזן...

גאָלדענע פּאַרנאַכטן

אַ גאַנצן טאָג האַלט מען אין איין עסן און אין איין קרעכצן,
און נאָר אַ מאַן אַ גאַנצע וואָך טוט מען בענקען און לעכצן,
מען איז זיך מוסר־נפש, עס איז דאָך ניט קיין וווּנדער,
מען איז דאָך גאָר אַהער געקומען נאָר צוליב די קינדער...

מע קריגט דאָך ניט קיין צוקער און שווער איז אויך מיט אייער,
אויף אַלץ איז דאָ אַ יקרות, עס ברענט ממש אַ פֿײַער...
אויף פּוטער דאַרף מען קוקן און פֿון ווײַטן לעקן,
ווײַל אַ פערטל פונט דאַרף אויף אַ גאַנצע וואָך קלעקן...

אַ גאַנצן טאָג די קינדער ניסן, הוסטן, כראַקען,
און בײַ נאַכט אין טײַכל די זשאַבעס טוען קוואַקען,
מאָסקיטאָס קריכן דאָ אויף די גלאַטע ווענט
און אַלע זענען דאָ צעביסן, די פּיס מיט די הענט.

די מענער אין שטאָט, נעבעך, אַרבעטן און שוויצן,
ווינטער אין די פֿרעסט און זומער אין די היצן...
די טשעקס קומען אַרײַן פּינקטלעך יעדער וואָך,
און פֿון דער גרויסער גאַנצער פּיידעי ווערט אַ גרויסע לאָך.

מען איז שוין מיד אין ווילעדזש יעדן טאָג צו לויפֿן,
אַז אַלץ דאַרף מען דאָך האָבן און אַלע זאַכן קויפֿן,
פֿאַרשילט מען זיך די טעג, פֿאַרשילט מען זיך די יאָרן,
און מען האָפֿט אויף ווינטער נאָך לייקווּוד, זיך אָפּצורוען פֿאָרן...

שוין אַלעמען באַרעדט און אַלעמען באַשריבן,
עס איז דאָ קיין איינער אויסן ניט געבליבן,
איך האָף, אַז איר וועט קיינער ניט האָבן קיין פֿאַראיבל,
די גאַנצע מעשׂה איז ניט ווערט קיין צעוואַקסן ציבל...

עלענוויל 1945

ריווע יאַניש

מייַן חתונה־יובילײ

צום 32סטן יאָרטאָג

צי געדענקסטו די נאַכט,
אונדזער חתונה־נאַכט?
בייַ מערקען אין בעט,
ס׳איז געווען זייער שפּעט,

עס האָט מיר געקלאַפּט
אַ צאָן אין אַ צאָן,
דו האָסט מיך געטאַפּט,
ניט געוווּסט וואָס צו טאָן...

איך בין דאָן געלעגן פאַרשעמט און פאַרשטילט.
אין הויף האָבן מערקעס הינט זיך צעבילט,
איך האָב זיך געשראָקן און דאָס האָט פּאַסירט!
דאַרלינג, דו האָסט מיך פאַרפירט!

אָט דאָס האָט געהייסן אַ האָנימון!
קיינער זאָל גאָרניט וויסן דערפון!
כ׳האָב וויינען געוואָלט, נאָר איך האָב געלאַכט,
אָבער, דאַרלינג, האָסט דאָך גוט געמאַכט.

און איצט, נאָך אַ צייַט,
שוין אַזוי לאַנג און ווייַט,
איך ליג מיר אין בעט
און דו בייַ דער זייַט.

אין צימער איז שטיל,
די נאַכט איז שוין שפּעט,
דאָס כראָפּען פון דיר
צעטראָסקעט דאָס בעט...

די צײנדלעך דײַנע קוקן אַרויס פון גלאָז,
דו קרעכצסט און דו כראָפּעסט און פײַפסט מיט דער נאָז,
און איך דאַרף פאַרנעמען אַזאַ מין קאָנצערט?
דאַרלינג, איך האָב דיך אין דר״ערד!

וואָס האָסטו געהאַט צו מײַנע יאָר?
אַזאַ מין וויסטע אָנשיקעניש גאָר!
כ׳וועל מיך באַגראָבן, נאָר כ׳קען ניט אָן דיר,
דאַרלינג, דיר, קום זשע מיט מיר!

אינהאַלט

בענקשאַפט

11 ...און ווען מײַן נשמה פאַרבענקט
12 ווער זינגט עס דאָרט
13 אַ טרוים
15 צו אַ שטערנדל
18 אָן האָפענונג
19 זײַט געזעגנט!
20 ווי ליב איז מיר...
21 נאַכט אין שטעטל
22 מײַן שטעטל
23 כ'בין ווידער, מײַן שטעטל, געקומען
24 ווי אַ בלום
25 אָט צעשמייכלט זיך דײַן פנים
26 אין פאַרק
27 זאָג מיר, זאָג מיר
28 כ'האָב פאַר פרי פאַרלאָזט
30 דאָס נעגערמיידל און די ווײַסע רויז
31 שטיל
32 אַ גליקלעכער טאָג
33 לעבן
34 דײַן מאַמע
35 איך האָב דיך דערקענט
36 אויסגעצײַטיקט שטייט אַ זאַנג
37 צו דער 15טער יאָרצײַט פון שלום
39 מײַנע לידער
40 מײַן אומשולד
41 אומעט
42 טרוימען
43 גרויקייט
44 עמעץ אין גרויען...
45 פון דיר צו מיר

46 דער ערשטער קוש
47 אין דײַן שויס
48 ווײַסע פרייד
49 גאָלדענע פאַרנאַכטן
50 אין גאָרטן פון מײַן האַרצן
52 אַ טאָג פאַרגייט...
53 בילדער פון מײַן שטעטל
54 ווען איך צינד די ליכטלעך
55 אייביקייט
56 וואָס חנוכּה־ליכטלעך דערציילן...
57 דו זאָגסט מיר, מײַן פרײַנד
58 איך בין ניט אַליין
59 יוגנט־טרוימען
60 ס'האָט מיר מײַן טאַטע געזאָגט
61 איך שטיי איצט בײַם ראַנד
62 אַ קילער נעפּל
63 האָט געפּלאַצט דער שלאָס
65 קום, מײַן קינד
66 דאָס לעצטע ליד
67 עס בענקט זיך...
68 דאָס ווײַסע ציגעלע
70 ער
71 רעדער רוישן, קלאַפּן
72 ברענג מיך צו די פּיסלעך שלאַנקע
73 בײַם ברעג ים
74 אין שפּעטן זומער
75 באָבע מײַנע
76 אין לאַנד פון די אָבות
77 מײַן אייניקל און איך
78 אַ ווינטערטאָג

אין שעהען פון אומעט

81 ווי אין אַ שפּיגל
82 דו ביסט פון אונדז אַוועק
84 מודה־אַני
86 אין שפּיטאָל

87 צו מײַנע היימלאָזע ברידער
90 איך קען מער ניט
91 מײַן אַלטיטשקע מאַמע
92 אָט זע איך מײַן מאַמען
93 גיי, מײַן קינד, גיי
94 יום־כיפור־ליכט
95 אַ פּאָרטרעט פון מײַן מאַמען
96 די באַלאַדע וועגן מײַן שוועסטערס צאָפּ

אַ פינטל מיטן אויג

101 סאָוואָנער קולטור
105 רבקה פּאָרט אַוועק
107 דאָן און דאָניאַ
108 פּאַראַדיע...
109 ציגײַנערליד
110 מײַן רבי
111 לאָזט אַ קעצל זיך אַרויס
112 חברשאַפט
114 שפּיל, ציגײַנער, מיר דאָס לידל
115 זומערצײַט
116 וואָס וועט זײַן אַז משיח וועט קומען ?
118 פּורים
120 מײַנע עשׂרת־הדיברות
121 ברוינע הויט און פעטע לײַבער
122 זיץ איך מיר
123 עס שטיל
124 אַ בינטל מתּנות
126 קאָרטן־און לאָטאָ... פּאָפּערי
128 הוליע קבצן...
129 בריוּוקאַסטן
132 ניומאָפּס פּאַרם
138 מײַן־חתונה־יובילײ

נאָכוואָרט

ריווע קאַפּלאַן איז געבוירן געוואָרן אין לונע־וואָלע, פּוילן, דעם 20סטן יאַנואַר 1910. זיך געלערנט אין דער שמעון פרוג־שול אין ווילנע און דערנאָך אין דער האַנטווערקער־שול אין גראָדנע. זי איז פון יונגווייז אָן געווען פאַרליבט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, איבער הויפּט אין די ווערק פון אונדזערע יידישע קלאַסיקערס. דעם 28סטן מיי 1929 איז ריווע קאַפּלאַן אָנגעקומען אין ניו־יאָרק און זיך באַזעצט מיט איר משפּחה אין דעם מיזרחדיקן טייל פון שטאָט. זי האָט זיך גלייך אָנגעהויבן לערנען ביי נאַכט, אויף ענגליש, און ביי טאָג געאַרבעט אַלס אַ נייטאָרין. אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך פאַרשריבן אין אַ לערער־סעמינאַר.

אין 1934 האָט זי זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע און חתונה געהאַט מיט חיים יאָניש, אַ לערער, אַ בונדיסט, וועלכער האָט געשטאַמט פון מלאַווע. ער האָט זי אַריינגעפירט אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן און זי באַקענט מיט שרייבערס און פּאָעטן אין דער יידישער קהילה. אין ניו־יאָרק זענען זיי ביידע געווען אַקטיוו אין יידישע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געבוירן דריי קינדער: הערשל, זיסל און ליבע. יידיש איז געווען זייער לשון. אַלע דריי קינדער האָבן זיך געלערנט אין די אַרבעטער־רינג־שולן.

ריווע יאָניש איז געווען אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג ווי פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון דער שול־פאַרוואַלטונג. זי איז אויך געווען סעקרעטאַר פון דער יידיש־ליגע אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר מרדכי שעכטער. נאָך איר רייזע קיין ישראל, אין 1963, האָט זי אַרויסגעגעבן אַ בוך „געסט״. אירע לידער און דערציילונגען זיינען געדרוקט געוואָרן אין זשורנאַלן אין מעקסיקע און אַרגענטינע. פון צייט צו צייט האָט זי געשריבן באַריכטן אין דער יידישער צייטונג „דער פאָרווערטס״. זי איז אויך אויפגעטראָטן אין דער יידישער ראַדיאָ־סטאַנציע ״Wevd״.

דעם 9טן מאַרץ 1983 איז ריווע יאָניש פון אונדז אַוועק.

די צונויפגענומענע לידער — פון מיין מאַמעס עזבון — וואָס גייען אַריין אין דעם בוך, שטאַמען פון פאַרשיידענע צייטן און שליסן אָפּ אַ תקופה פון איבער 50 יאָר.

מיין מאַמע ריווע יאָניש איז געווען, לויט איר נאַטור, אַ פּאָעט אַ הומאָריסט. אַ סך פון אירע לידער האָט זי פאַרשריבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן: אויפן וועג צו אַ פריינד, אויף זיצונגען און באַגעגענישן, אויף שימחות און, להבדיל, בעת טראַגישע איבערלע־בונגען: — שטימונגלידער, לידער מיט אַ מיין, און חבר׳ישע שאַרזשן. אַפילו אונדז, אירע קינדער, האָט זי „פאַרוואַנדלט״ אין גראַמען, אַ מאָל מיט אַ שמייכל, אַ מאָל מיט אַ טרער. אָבער די לידער אין וועלכע זי באַזינגט די בענקשאַפט צו איר שטעטל זענען, אָן ספק, די בעסטע אין דער דאָזיקער זאַמלונג — לידער מיט אַ סך נשמה, שפּירונג און נאָסטאַלגיע.

די וועלט צו וועלכער מיין מאַמע האָט געהערט, אין וועלכער זי האָט געלעבט און געשאַפן, די יידישע קולטורוועלט, איז אונדז ניט געווען פרעמד, אָבער ביי אונדז, אירע קינדער, אין אונדזער וועלט, איז זי געווען אונדזערע אַליין, אונדזער מאַמע, און מיר האָבן ניט געדאַרפט מיט קיינעם זיך טיילן.

הערשל יאָניש